## זֶה הַשַּׁעַר לַה׳ צַדִּיקִים יָבוֹאוּ בוֹ

### סֵפֶר

# לִקּוּטֵי־מוֹהֲרַ״ן

הַנִּכְבָּד וְהַנּוֹרָא, מִי כָמוֹהוּ מוֹרֶה, הַיּוֹצֵא בִּקְדֻשָּׁה וּבְטָהֳרָה, מִפִּי קֹדֶשׁ קָדָשִׁים, נְבוֹן לַחַשׁ וַחֲכַם חֲרָשִׁים. הֲלֹא הוּא כְּבוֹד אֲדוֹנֵנוּ, מוֹרֵנוּ וְרַבֵּנוּ, הָרַב הָאֱמֶת, הַגָּאוֹן הַקָּדוֹשׁ הָאֲמִתִּי, נַחַל נוֹבֵעַ מְקוֹר חָכְמָה, אוֹר יִשְׂרָאֵל וּקְדוֹשׁוֹ, הַמְפֻרְסָם בְּכָל קַצְוֵי אֶרֶץ וְיָם רְחוֹקִים. שְׁמוֹ קֹדֶשׁ. מוֹרֵנוּ וְרַבֵּנוּ, הָרַב רַבִּי **נַחְמָן** זֵכֶר צַדִּיק וְקָדוֹשׁ לִבְרָכָה, מִקְּהִלַּת **בְּרֶסְלֶב**, בְּהָרַב הַוָּתִיק וְחָסִיד, מוֹרֵנוּ הָרַב שִׂמְחָה זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה, בֶּן לְאוֹתוֹ צַדִּיק, הָרַב הַקָּדוֹשׁ הַמְפֻרְסָם, מוֹרֵנוּ הָרַב נַחְמָן הָארִידֶענְקֶיר זֵכֶר צַדִּיק וְקָדוֹשׁ לִבְרָכָה. וּמִצַּד אִמּוֹ הַצַּדֶּקֶת הַמְפֻרְסֶמֶת בְּשֵׁם טוֹב, מָרַת פֵיגֶא זצ״ל. הוּא נִין וָנֶכֶד לְהָרַב הַקָּדוֹשׁ, רַבָּן שֶׁל כָּל יִשְׂרָאֵל, קָדוֹשׁ שְׁמוֹ, מוֹרֵנוּ הָרַב יִשְׂרָאֵל **בַּעַל־שֵׁם־טוֹב** זֵכֶר צַדִּיק וְקָדוֹשׁ לִבְרָכָה. יִשְׂמַח אָבִיךָ וְאִמֶּךָ וְתָגֵל יוֹלַדְתֶּךָ. עֲטֶרֶת זְקֵנִים בְּנֵי בָנִים. בִּזְכוּתָם יָאִיר עָלֵינוּ חַסְדֵי דָוִד הַנֶּאֱמָנִים. וְנִזְכֶּה לַחֲזוֹת בְּנֹעַם ה׳ פָּנִים אֶל פָּנִים. חִישׁ קַל מְהֵרָה נָשׁוּב לְצִיּוֹן בְּרְנָנִים. בִּמְהֵרָה בְיָמֵינוּ אָמֵן:

### עִם פֵּירוּשׁ

## שְׂפָתַי תִּפְתָּח

### אִידִישׁ

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
**בארא פארק**
**1415 55th Street**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.662.4888**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
**בלומינגראוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
**מאנסי**
**34 Union Rd,**
Spring Valley, NY 10977
**845.445.9314**

היכל הקודש
**ירושלים**
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
**בני ברק**
**רחוב ירושלים 2**
**052.760.5715**


נדפס ע״י

**קרן הדפסה היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

עריכה, הגהה והוצאה לאור ע״י

**מכון עצתו אמונה**
maebreslev@gmail.com


צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט״א
רופט:

קול ברסלב

**212.444.9191**

חיזוק פאר די אידישע שטוב

**212.444.9169**

# זֵכֶר עוֹלָם יִהְיֶה צַדִּיק

לִכְבוֹד נִשְׁמַת מְאוֹר עֵינֵינוּ חִיּוּת נַפְשֵׁנוּ,

אֲשֶׁר נָשָׂא אוֹתָנוּ עַל לִבּוֹ כַּאֲשֶׁר יִשָּׂא הָאֹמֵן אֶת הַיּוֹנֵק, לְהַחֲיוֹתֵנוּ כְּהַיּוֹם הַזֶּה, לְהַטְעִימֵנוּ מִצּוּף עֲרֵבוּת נְעִימוּת, יְדִידוּת, זִיו הֶאָרַת שְׁכִינַת עֻזּוֹ יִתְבָּרַךְ, וְהֶחְדִּיר בְּרִבְבוֹת נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל בְּכָל הָעוֹלָם כֻּלּוֹ - אֱמוּנָה בְּרוּרָה וּמְזֻכֶּכֶת בּוֹ יִתְבָּרַךְ, וְקֵרֵב אַלְפֵי נְשָׁמוֹת אֶל הַחֵן וְהַיֹּפִי אֲשֶׁר בַּנַּחַל נוֹבֵעַ מְקוֹר חָכְמָה שׁוֹרֶה, הוּא נִיהוּ הָרַב הַגָּאוֹן הַצַּדִּיק, אִישׁ הָאֶשְׁכּוֹלוֹת - שֶׁהַכֹּל בּוֹ, הֶחָסִיד הָאֲמִתִּי עוֹבֵד ה' בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת, מָסַר נַפְשׁוֹ אֵלָיו יִתְבָּרַךְ בְּכָל יוֹם וָיוֹם מִיּוֹם עָמְדוֹ עַל דַּעְתּוֹ, וְסָבַל יִסּוּרִים קָשִׁים וּמָרִים כָּל יְמֵי חַיָּיו, רַבִּים הֵשִׁיב מֵעָוֹן וְקֵרְבָם אֵלָיו יִתְבָּרַךְ, הֶעֱמִיד תַּלְמִידִים רַבִּים, יִרְאֵי ה' וְחוֹשְׁבֵי שְׁמוֹ, בַּעַל הַמְחַבֵּר סִפְרֵי שׁוּ"ת 'אֲשֶׁר בַּנַּחַל', וְסֵפֶר 'שְׂפַת הַנַּחַל' פֵּרוּשׁ עַל הַסֵּפֶר הַקָּדוֹשׁ לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן. וְקִבֵּץ וְלִקֵּט סְפָרִים רַבִּים וְנִכְבָּדִים מִדִּבְרֵי רַבֵּנוּ הַקָּדוֹשׁ מוֹהֲרַ"ן מִבְּרֶסְלֶב, וְתַלְמִידוֹ הַקָּדוֹשׁ מוֹהַרְנַ"תְ - זְכוּתָם יָגֵן עָלֵינוּ. וְהֵפִיצָם בְּכָל קַצְוֵי תֵּבֵל, וּבִפְרָטִיּוּת הַקּוּנְטְרֵסִים הַמְּפֻרְסָמִים שֶׁהֶחֱיוּ אֲלָפִים וְרִבְבוֹת נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל, וְחִזְּקוּ אוֹתָם לַחֲזוֹר בִּתְשׁוּבָה.

עֲטֶרֶת רֹאשֵׁנוּ, נֵזֶר תִּפְאַרְתֵּנוּ, הַמַּלְאָךְ הַנִּצָּב עַל רֹאשׁ דֶּרֶךְ, עַמּוּד הָאֵשׁ אֲשֶׁר לִפְנֵי הַמַּחֲנֶה, מוֹרֶה דֶרֶךְ וּמְשׁוֹבֵב נְתִיבוֹת

מוֹרֵנוּ וּמְאוֹרֵנוּ

# רַבִּי אֱלִיעֶזֶר שְׁלֹמֹה זצוקללה"ה

בֶּן הַגָּאוֹן רַבִּי מְנַחֵם זְאֵב זַצַ"ל

הָרַב מִטְּאקַאי וּבַעַל הַ'מִּנְחַת זְאֵב' וְעוֹד

**זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ וְעַל כָּל יִשְׂרָאֵל**

בְּחַד קְטִירָא אִתְקַטִיר לִישִׁיבָה שֶׁל מַעְלָה

לְהִתְלוֹנֵן בְּצֵל צַח הַצַּדִּיקִים אֲשֶׁר בְּגַן עֵדֶן

י"ז שְׁבָט תשע"ה

**תְּהֵא נִשְׁמָתוֹ הַקְּדוֹשָׁה צְרוּרָה בִּצְרוֹר הַחַיִּים**

## הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

מורינו **ראש הישיבה** שליט"א
וזוגתו

**אסתר גיטל** תחי',

וילדיהם

**שלמה ומשפ',**

**אלחנן חיים ומשפ',**

**מרים העניא זיסל ומשפ',**

**שמעון, נחמן נתן, יצחק דוד, צבי,**

**רחל לאה, יוסף, מנחם, יחזקאל, עמרם.**

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות
לבם לטובה ויתברכו מפי עליון בבני חיי
ומזוני רוויחא ויזכו לרות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם

**אמן כן יהי רצון**

# הַקְדָּמָה

דָוִד הַמֶּלֶךְ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן (תְּהִלִּים נא, יז): "ה' שְׂפָתַי תִּפְתָּח" הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, עֶפְן מִיר מַיין מויל, "וּפִי יַגִּיד תְּהִלָּתֶךָ" אִיךְ זָאל דִיךְ קֶענֶען דַאנְקֶען אוּן לויבְּן. וַוייל צוּלִיבּ דֶעם הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט, מִיר זָאלְן וִויסְן אוּן אַנֶערְקֶענֶען אַז עֶר הָאט אַלֶעס בַּאשַׁאפְן, עֶר פִירְט אַלֶעס, אוּן אִים דַאנְקֶען אוּן לויבְּן. דָאס אִיז וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעבְּט אוּנְז; עֶר לֵייגְט אַרַיין אִין אוּנְז אַ קְלָארֶע, לויטֶערֶע, רֵיינֶע אֱמוּנָה, מֶען הויבְּט אָן שְׁפִּירְן 'דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט מִיר, בַּיי מִיר אוּן נֶעבְּן מִיר', אוּן וֶוען מֶען אִיז זוֹכֶה דָאס צוּ שְׁפִּירְן - עֶפְנְט זִיךְ דִי מויל אוּן מֶען הויבְּט אָן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער פֵּירוּשׁ "שְׂפָתַי תִּפְתָּח" אִיז אַ גְרִינְגֶע לַייכְטֶע פֵּירוּשׁ אויפְ'ן הֵיילִיגְן סֵפֶר לִקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן. דֶער פֵּירוּשׁ אִיז גֶעבּוֹיט אויף דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים פוּנֶעם גְרויסְן צַדִיק מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ: שְׂפַת הַנַחַל, דְרָשׁוֹת מוֹהֲרָא"שׁ אוּן סֵפֶר אֲשֶׁר בַּנַחַל; אִיבֶּערְגֶעטַייטְשְׁט אוּן גֶעגֶעבְּן צוּ פַארְשְׁטֵיין אויף אַ גְרִינְגֶע וֶועג פַאר דִי בְּנֵי הַנְעוּרִים, אַז דִי הַיינְטִיגֶע מֹחוֹת זָאלְן אויךְ הָאבְּן אַ טַעַם אוּן אַ גֶעפִיל אִינֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר לִקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן. זֵיי זָאלְן אויךְ קֶענֶען זוֹכֶה זַיין צוּ וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שמט) מֶען קֶען וֶוערְן אַן אֱמֶת'עֶר בַּעַל תְּשׁוּבָה דוּרְכְ'ן לֶערְנֶען זַיין סֵפֶר לִקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, אוּן וֶוער עֶס וֶועט לֶערְנֶען זַיין סֵפֶר מִיט אַן אֱמֶת - וֶועט זִיךְ אִים אוּיפְשְׁטָאפְּן אַלֶע פַארְשְׁטָאפְּטֶע אָדֶערְן.

**איך** הָאבּ אַ נָאמֶען גֶעגֶעבּן דֶעם סֵפֶר "שְׂפָתַי תִּפְתָּח", וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער סֵפֶר לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן עֶפְנְט אוֹיף דִי מוֹיל צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תְּרוּמוֹת א, ג): "סְתָם חֵרֵשׁ - שֶׁאֵינוֹ שׁוֹמֵעַ וְאֵינוֹ מְדַבֵּר", טַייטְשְׁט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן ס) פַארְוָואס רֶעדְט אַ מֶענְטְשׁ נִישְׁט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן? וַוייל עֶר אִיז 'אֵינוֹ שׁוֹמֵעַ' בְּקוֹל צַדִּיקִים, אַז מֶען הֶערְט נִישְׁט דִי וֶוערְטֶער פוּן צַדִּיקִים - אִיז מֶען אַן 'אֵינוֹ מְדַבֵּר', רֶעדְט מֶען נִישְׁט צוּם בַּאשֶׁעפֶער. אָבֶער אַז מֶען הֶערְט זִיךְ צוּ צוּם קוֹל פוּן צַדִּיק, מֶען לֶערְנְט דֶעם רֶבִּינְ'ס סֵפֶר לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן - וֶוערְט "שְׂפָתַי תִּפְתָּח", דִי לִיפְּן עֶפֶענֶען זִיךְ, מֶען הוֹיבְּט אָן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**אוֹיךְ** אִין דִי וָוארְט 'שְׂפָתַי' אִיז דָא דִי וָוארְט 'שְׂפַת' וַוייל דָאס אִיז גֶעבּוֹיט אוֹיפְן הֵיילִיגְן סֵפֶר "שְׂפַת הַנַּחַל" אוּן אִינֶעם אוֹת יוּ"ד אִיז מְרוּמָז מַיין נָאמֶען.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף מִיר, אִיךְ זָאל קֶענֶען תְּשׁוּבָה טוּן אוּן פַארְרֶעכְטְן אַלֶעס וָואס אִיךְ דַארְף מְתַקֵּן זַיין; מַיין נֶפֶשׁ, רוּחַ וּנְשָׁמָה. אִיךְ זָאל זִיךְ נִישְׁט דַארְפְן שֶׁעמֶען פוּן דִי הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים, אוּן מִיר זָאלְן אַלֶע שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ דִי גְאוּלָה, וֶוען עֶס וֶועט זַיין וּ'מֶלֶךְ אֶ'חָד יִ'הְיֶה לְ'כֻלָּם (יְחֶזְקֵאל לז, כב)

י

**וְאֵלֶּה הַמִּשְׁפָּטִים אֲשֶׁר תָּשִׂים לִפְנֵיהֶם וְכוּ'.** (שְׁמוֹת כ"א)

**א** כְּשֶׁיֵּשׁ, חַס וְשָׁלוֹם, דִּינִים עַל יִשְׂרָאֵל — עַל-יְדֵי רִקּוּדִים וְהַמְחָאַת כַּף אֶל כַּף נַעֲשֶׂה הַמְתָּקַת הַדִּינִים:

**ב** כִּי עִקַּר גְּדֻלָּתוֹ שֶׁל הַקָּדוֹשׁ-בָּרוּךְ-הוּא, שֶׁגַּם הָעַכּוּ"ם יֵדְעוּ שֶׁיֵּשׁ אֱלֹקִים שַׁלִּיט וּמוֹשֵׁל, כַּמּוּבָא בַּזֹּהַר (יִתְרוֹ סט): 'כַּד אֲתָא יִתְרוֹ וַאֲמַר: "כִּי עַתָּה יָדַעְתִּי כִּי גָדוֹל ה'" וְכוּ', כְּדֵין אִתְיַקַּר וְאִתְעַלָּא שְׁמָא עִלָּאָה':

**וְאֵלֶּה הַמִּשְׁפָּטִים אֲשֶׁר תָּשִׂים לִפְנֵיהֶם וְכוּ'.** (שְׁמוֹת כ"א, א):

**א כְּשֶׁיֵּשׁ חַס וְשָׁלוֹם דִּינִים עַל יִשְׂרָאֵל** וָוען עֶס אִיז דָא חַס וְשָׁלוֹם שְׁלֶעכְטֶע גְזֵירוֹת אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער, וָואס אִיז דִּי עֵצָה זַיי אַוֶועק צוּ נֶעמֶען? זָאגְט דֶער רֶבִּי: עַל יְדֵי רִקּוּדִים דוּרְךְ טַאנְצְן, וְהַמְחָאַת כַּף אֶל כַּף אוּן קְלַאטְשְׁן - נַעֲשֶׂה הַמְתָּקַת הַדִּינִים וֶוערְן דִּי גְזֵירוֹת בָּטֵל. וַוייל וֶוען מֶען פַארְגֶעסְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, פַּאלְט מֶען אַרַיין אִין עַצְבוּת אוּן מְרִירוּת, אוּן דָאס אִיז דִּינִים, אוּן אַז מֶען טַאנְצְט אוּן מֶען קְלַאטְשְׁט אוּן מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ - גֵייט אַוֶועק דִּי עַצְבוּת אוּן דִּי בִּיטֶערְקֵייט, אוּן אַזוֹי צִיט מֶען צוּ זִיךְ דִּי זִיסֶע אֵיינְגֶענֶעמֶע אוּן לוֹיטֶערֶע לִיכְטִיגְקֵייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַזוֹי וֶוערְן בָּטֵל אַלֶע דִּינִים אוּן גְזֵירוֹת.

**ב כִּי עִקַּר גְּדֻלָּתוֹ שֶׁל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, הוּא** וַוייל דֶער עִקָּר גְרוֹיסְקֵייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס הֵייסְט דִּי תַּכְלִית פַארְוָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן דִּי גַאנְצֶע וֶועלְט - אִיז נָאר אַז אַלֶע זָאלְן אַנֶערְקֶענֶען אִין אִים, אוּן נִישְׁט נָאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער, **שֶׁגַּם הָעַכּוּ"ם** נָאר אוֹיךְ אַלֶע פֶעלְקֶער **יֵדְעוּ** זָאלְן אַנֶערְקֶענֶען אוּן וִויסְן, **שֶׁיֵּשׁ אֱלֹקִים שַׁלִּיט וּמוֹשֵׁל** אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער וָואס גֶעוֶועלְטִיגְט אִיבֶּער אַלֶעס אוּן פִּירְט אַלֶעס, **כַּמּוּבָא בַּזֹּהַר** אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר זָאגְט (יִתְרוֹ סט): **'כַּד אֲתָא יִתְרוֹ'** וֶוען יִתְרוֹ אִיז גֶעקוּמֶען, **וַאֲמַר** אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט (שְׁמוֹת יח, יא): **'כִּי עַתָּה יָדַעְתִּי'** וַוייל יֶעצְט וֵוייס אִיךְ, **'כִּי גָדוֹל ה''** אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז גְרוֹיס, **וְכוּ', 'מִכָּל הָאֱלֹקִים'** פוּן אַלֶע אָפְּגֶעטֶער - **כְּדֵין אִתְיַקַּר** דֶעמָאלְט אִיז טַייעֶר גֶעוָוארְן, **וְאִתְעַלָּא** אוּן דֶערְהוֹיבְּן גֶעוָוארְן - **שְׁמָא עִלָּאָה** דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנ'ס נָאמֶען. [דֶער רֶבִּי אִיז אוּנְז דָא מְגַלֶּה אַז אֲפִילוּ אַ גּוֹי קֶען גּוֹרֵם זַיין עֶס זָאל וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶע פַארְגֶעניִגְן אוֹיבְן אִין הִימְל וֶוען עֶר אַנֶערְקֶענְט אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער, מִמֵּילָא דַארְף דָאס זַיין אַ גְרוֹיסֶע חִיזּוּק פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם; מַה דָאךְ וֶוען אַ גּוֹי אַזוֹי וִוי יִתְרוֹ וָואס אִיז גֶעוֶוען אַ גַּלָּח פַאר עֲבוֹדָה זָרָה זַיין גַאנְץ לֶעבְּן, עֶר אִיז גֶעוֶוען מִיט טוּמְאָה אוּן זֻהֲמָה אוּן כְּפִירוֹת אוּן אַפִּיקוֹרְסוּת, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ מִיט אַלֶע עֲבֵירוֹת, אוּן וֶוען עֶר הָאט זִיךְ צוּרִיק גֶעקֶערְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן

אִיז דוּרךְ אִים גֶעגְרוֹיסְט גֶעוָוארְן דֶעם אייבֶּערְשְׁטְנ'ס נָאמֶען, אִיז דָאךְ כָּל שֶׁכֵּן וְקַל וָחֹמֶר, וֶוען אַ אִיד וָואס אִיז נֶעבֶּעךְ פַארְפַאלְן גֶעוָוארְן בַּיי דִי טוּמְאָה אוּן אִיז נֶעבֶּעךְ אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין בִּיטֶערֶע חֲטָאִים, אוֹיבּ קֶערְט עֶר זִיךְ צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן עֶר אִיז מוֹדֶה אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף דִי וֶועלְט, עֶר זָאגְט אָפָּאר דִיבּוּרִים צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז דָאךְ זִיכֶער אִיז עֶר אִיז גוֹרֵם אַ פַארְגֶענִיגְן אוּן אַ שִׂמְחָה אִין אַלֶע עוֹלָמוֹת הָעֶלְיוֹנִים].

**ג וּלְעַכּוּ"ם אִי אֶפְשָׁר לָהֶם** לֵידַע גְּדֻלָּתוֹ שֶׁל הַקָּדוֹשׁ-בָּרוּךְ-הוּא, כִּי אִם עַל-יְדֵי בְּחִינַת יַעֲקֹב, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (יְשַׁעְיָהוּ ב): "בֵּית יַעֲקֹב לְכוּ וְנֵלְכָה בְּאוֹר ה'", כִּי הוּא גִּלָּה אֱלֹקוּתוֹ שֶׁל הַקָּדוֹשׁ-בָּרוּךְ-הוּא יוֹתֵר מִשְּׁאָר הָאָבוֹת. כִּי אַבְרָהָם קְרָאוֹ הַר, וְיִצְחָק קְרָאוֹ שָׂדֶה (פְּסָחִים פח.). וְשָׂדֶה הוּא יוֹתֵר מֻשָּׂג וְנִצְרָךְ לְהָעוֹלָם מֵהַר; וְיַעֲקֹב קְרָאוֹ בַּיִת, שֶׁהוּא מְקוֹם יִשּׁוּב לִבְנֵי-אָדָם יוֹתֵר מִשָּׂדֶה, הַיְנוּ שֶׁיַּעֲקֹב קָרָא אֶת מְקוֹם הַבֵּית-הַמִּקְדָּשׁ, שֶׁהוּא מְקוֹם הַתְּפִלָּה — בַּיִת, שֶׁהוּא

**ג וּלְעַכּוּ"ם** אוּן פַאר דִי פֶעלְקֶער, פַאר דִי אוּמוֹת הָעוֹלָם, **אִי אֶפְשָׁר לָהֶם** אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ פַאר זֵיי **לֵידַע גְּדֻלָּתוֹ שֶׁל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא** צוּ וויסְן פוּנֶעם אייבֶּערְשְׁטְנ'ס גְרוֹיסְקֵייט - **כִּי אִם עַל יְדֵי בְּחִינַת יַעֲקֹב** נָאר דוּרךְ דִי וֶועג ווִי אַזוֹי יַעֲקֹב אָבִינוּ הָאט אַרֵיינְגֶעבְּרֶענְגְט אִין דִי וֶועלְט צוּ דִינֶען דֶעם אייבֶּערְשְׁטְן, **כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב** אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק, וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועלְן דִי פֶעלְקֶער זָאגְן פַאר דִי אִידְן (יְשַׁעְיָהוּ ב, ה): **'בֵּית יַעֲקֹב'** אִידִישֶׁע קִינְדֶער, **'לְכוּ'** גֵייט, **'וְנֵלְכָה'** אוּן מִיר וֶועלְן מִיטְגֵיין מִיט אֵייךְ, **'בְּאוֹר ה''** אִין דִי לִיכְט פוּנֶעם אייבֶּערְשְׁטְן; אוּן פַארְוָואס וֶועלְן דִי פֶעלְקֶער זִיךְ דֶערְוויסְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דַוְקָא דוּרךְ דִי וֶועג פוּן יַעֲקֹב? **כִּי הוּא** ווַייל יַעֲקֹב אָבִינוּ **גִּלָּה אֱלֹקוּתוֹ שֶׁל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא** הָאט אַנְטְפְּלֶעקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דִי וֶועלְט, **יוֹתֵר מִשְּׁאָר הָאָבוֹת** מֶער ווִי דִי אַנְדֶערֶע אָבוֹת, אַבְרָהָם אוּן יִצְחָק. אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (פְּסָחִים פח.), **כִּי אַבְרָהָם קְרָאוֹ** אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט אָנְגֶערוּפְן דֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, וָואס אִיז דִי פְּלַאץ וואוּ אַלֶע תְּפִלּוֹת גֵייעֶן אַרוֹיף - מִיטְן נָאמֶען **הַר** 'בַּארְג', **וְיִצְחָק קְרָאוֹ** אוּן יִצְחָק אָבִינוּ הָאט אָנְגֶערוּפְן דֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ מִיטְן נָאמֶען **שָׂדֶה** 'פֶעלְד', **וְשָׂדֶה הוּא יוֹתֵר מֻשָּׂג וְנִצְרָךְ לְהָעוֹלָם מֵהַר** אוּן אַ פֶעלְד אִיז נֶענְטֶער צוּם מֶענְטְשׁ ווִי אַ בַּארְג, דִי פֶעלְדֶער זֶענֶען מֶער נֶענְטֶער צוּם שְׁטָאט, דָארְט וואוּ מֶען וואוֹינְט - ווִי בֶּערְג, **וְיַעֲקֹב קְרָאוֹ** אוּן יַעֲקֹב אָבִינוּ הָאט גֶערוּפְן דֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ מִיטְן נָאמֶען **בַּיִת** 'שְׁטוּבּ', **שֶׁהוּא מְקוֹם יִשּׁוּב לִבְנֵי אָדָם יוֹתֵר מִשָּׂדֶה** וָואס דָאס אִיז נָאךְ נֶענְטֶער צוּם מֶענְטְשׁ ווִי דִי פֶעלְדֶער. **הַיְנוּ** פְּשַׁט אִיז, **שֶׁיַּעֲקֹב קָרָא אֶת מְקוֹם הַבֵּית הַמִּקְדָּשׁ** יַעֲקֹב אָבִינוּ הָאט אָנְגֶערוּפְן דֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, **שֶׁהוּא מְקוֹם הַתְּפִלָּה** וָואס דָאס אִיז דִי פְּלַאץ וואוּ אַלֶע תְּפִלּוֹת גֵייעֶן

**מְקוֹם יִשּׁוּב לִבְנֵי־אָדָם, כִּי הֶעֱלָה אֶת הַתְּפִלָּה מֵהַר וְשָׂדֶה לִבְחִינַת בַּיִת, שֶׁיֵּשׁ בּוֹ תְּפִיסָה לִבְנֵי־אָדָם יוֹתֵר מֵהַר וְשָׂדֶה; כִּי בִּבְחִינַת בַּיִת יֵשׁ גַּם לְעַכּוּ"ם הַשָּׂגָה, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב** (יְשַׁעְיָהוּ נ"ו):

אַרוֹיף – מִיטְן נָאמֶען בַּיִת 'הוֹיז', **שֶׁהוּא** מְקוֹם יִשּׁוּב לִבְנֵי **אָדָם** וָואס אַ הוֹיז אִיז אַ פְּלַאץ וואוּ מֶען וואוֹינְט.

[דִי גְמָרָא זָאגְט (שָׁם) 'מַאי דִכְתִיב' וָואס אִיז פְּשַׁט אִינֶעם פָּסוּק (יְשַׁעְיָהוּ ב, ג): 'וְהָלְכוּ עַמִּים רַבִּים' אוּן עֶס וֶועלְן גֵיין אַסאךְ פֶעלְקֶער, 'וְאָמְרוּ' אוּן זֵיי וֶועלְן זָאגְן אֵיינֶער צוּם אַנְדֶערְן: 'לְכוּ וְנַעֲלֶה אֶל הַר ה'' לָאמִיר אַרוֹיפְגֵיין צוּם בַּארְג פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, 'אֶל בֵּית אֱלֹקֵי יַעֲקֹב', צוּם הוֹיז פוּן דֶעם גָאט פוּן יַעֲקֹב, פְרֶעגְט דִי גְמָרָא, פַארְוָואס שְׁטֵייט 'אֱלֹקֵי יַעֲקֹב' דֶער בַּאשֶׁעפֶער פוּן יַעֲקֹב, 'וְלֹא אֱלֹקֵי אַבְרָהָם וְיִצְחָק', אוּן נִישְׁט דֶער בַּאשֶׁעפֶער פוּן אַבְרָהָם אוּן פוּן יִצְחָק, וָואס עֶפֶּעס וֶועלְן דִי פֶעלְקֶער זָאגְן מִיר וִוילְן גֵיין צוּ דִי הוֹיז פוּן דֶער גָאט פוּן 'יַעֲקֹב'? עֶנְטְפֶערְט דִי גְמָרָא: 'לֹא כְּאַבְרָהָם שֶׁכָּתוּב בּוֹ 'הַר'', דִי פֶעלְקֶער וֶועלְן נִישְׁט אָנְקוּקְן דֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אַזוֹי וִוי אַבְרָהָם אָבִינוּ וָואס הָאט אָנְגֶערוּפְן דֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ מִיטְן נָאמֶען 'בַּארְג', אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (בְּרֵאשִׁית כב, יד): 'אֲשֶׁר יֵאָמֵר הַיּוֹם', עֶס זָאל שְׁטֶענְדִיג גֶעזָאגְט וֶוערְן, 'בְּהַר ה'' אוֹיף דֶעם גֶעטְלִיכְן בַּארְג – 'יֵרָאֶה' זָאל זִיךְ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּאוַוייזְן, 'וְלֹא כְּיִצְחָק' אוּן דִי פֶעלְקֶער וֶועלְן זִיךְ אוֹיךְ נִישְׁט בַּאצִיעֶן צוּם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אַזוֹי וִוי יִצְחָק אָבִינוּ וָואס הָאט עֶס גֶערוּפְן פֶעלְד, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (בְּרֵאשִׁית כד, סג): 'וַיֵּצֵא יִצְחָק לָשׂוּחַ בַּשָּׂדֶה' יִצְחָק אִיז אַרוֹיס גֶעגַאנְגֶען שְׁפַּאצִירְן אִין פֶעלְד דַאוֶונֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, 'אֶלָּא כְּיַעֲקֹב' נָאר דִי פֶעלְקֶער וֶועלְן אָנְקוּקְן דֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אַזוֹי וִוי יַעֲקֹב, 'שֶׁקְּרָאוֹ בַּיִת' וָואס הָאט גֶערוּפְן דֶעם נָאמֶען פוּנֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ 'בַּיִת' אַ הוֹיז, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (שָׁם כח, יט): 'וַיִּקְרָא אֶת שֵׁם הַמָּקוֹם הַהוּא 'בֵּית' אֵ-ל', אוּן רַשִׁ"י זָאגְט (שָׁם, יז, דִּבּוּר הַמַּתְחִיל כִּי אִם בֵּית אֱלֹקִים), אַז דִי הַר הַמּוֹרִיָּה, דָארְט וואוּ אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט גֶעדַאוֶונְט, אוּן דִי פֶעלְד וואוּ יִצְחָק הָאט גֶעדַאוֶונְט אוּן דִי 'בֵּית אֵ-ל' פוּן יַעֲקֹב – דָאס אִיז אַלֶעס דִי זֶעלְבֶּע פְּלַאץ, וַוייל אַלֶע דְרֵיי הָאבְּן גֶעדַאוֶונְט אוֹיפְן הַר הַבַּיִת, דִי מָקוֹם הַמִּקְדָּשׁ, וואוּ עֶס גֵייעֶן אַרוֹיף אַלֶע תְּפִלּוֹת].

**יֶעצְט** וֶועט דֶער רֶבִּי פַארְשְׁטֵיין גֶעבְּן וָואס עֶפֶּעס הָאבְּן דִי גוֹיִם נָאר אַ הַשָּׂגָה אִינֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ דוּרְךְ דִי וֶועג וִוי אַזוֹי יַעֲקֹב אָבִינוּ הָאט עֶס אָנְגֶערוּפְן מִיטְן נָאמֶען 'הוֹיז'; כִּי הֶעֱלָה **אֶת** הַתְּפִלָּה וַוייל יַעֲקֹב אָבִינוּ הָאט אַרוֹיפְגֶעבְּרֶענְגְט דָאס דַאוֶונֶען מֵהַר וְשָׂדֶה פוּן אַ בַּארְג אוּן אַ פֶעלְד – לִבְחִינַת בַּיִת צוּ אַ הוֹיז, שֶׁיֵּשׁ בּוֹ תְּפִיסָה לִבְנֵי **אָדָם** וָואס דָאס קֶענֶען מֶענְטְשְׁן מֶער פַארְשְׁטֵיין, יוֹתֵר מֵהַר וְשָׂדֶה מֶער וִוי בֶּערְג אוּן פֶעלְדֶער. כִּי בִּבְחִינַת בַּיִת וַוייל וֶוען מֶען בְּרֶענְגְט אַרַיין דִי זַאךְ פוּן תְּפִלָּה אִין שְׁטוּב, מֶען וֵוייסְט אַז מֶען קֶען בֶּעטְן אוֹיף שְׁטוּב זַאכְן – יֵשׁ גַּם לְעַכּוּ"ם הַשָּׂגָה דָאס קֶענֶען אוֹיךְ גוֹיִם פַארְשְׁטֵיין, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב אַזוֹי וִוי עֶס

שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (יְשַׁעְיָהוּ נ"ו, ז): **'כִּי בֵיתִי'** וַוייל מַיין הויז – דֶער בֵּית הַמִּקְדָּשׁ – **'בֵּית תְּפִלָּה יִקָּרֵא לְכָל הָעַמִּים'** וֶועט גֶערוּפְן וֶוערן 'אַ תְּפִלָּה הויז, פַאר אַלֶע פֶעלְקֶער'.

מוֹהֲרָא"שׁ גֶעבְּט דָאס צוּ פַארְשְׁטֵיין מִיט אַ זִיסְקֵייט, אַז עֶס אִיז שְׁוֶוער אַרַיינְצוּבְּרֶענְגֶען אִין פְּשׁוּטְ'ע מֶענְטְשְׁן און זִיכֶער בַּיי דִי פֶעלְקֶער – דִי זַאךְ פוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף רוּחָנִיּוּת'דִיגֶע זַאכְן, צוּם בֵּיישְׁפִּיל בֶּעטְן אוֹיף הַשָּׂגַת אֱלֹקוּת, וָואס מֶען קוּקְט אָן אַזוֹי וִוי דִי בֶּערְג וָואס זֶענֶען וַוייט פוּן שְׁטָאט, מֶען לֶעבְּט נִישְׁט מִיט דֶעם. און אַזוֹי אוֹיךְ דִי זַאךְ פוּן פֶעלְדֶער אִיז אוֹיךְ נִישְׁט אַזוֹי נָאנְט צוּם מֶענְטְשׁ וִוי שְׁטִיבֶּער, און אַבְרָהָם אָבִינוּ און יִצְחָק אָבִינוּ הָאבְּן אוֹיסְגֶעלֶערְנְט פַאר דִי וֶועלְט דִי זַאךְ פוּן דַאוֶוענֶען און בֶּעטְן אוֹיף רוּחָנִיּוּת אֱלֹקוּתוֹ יִתְבָּרַךְ, וָואס אִין דֶעם הָאבְּן נִישְׁט אַלֶע אַ הַשָּׂגָה, אָבֶּער יַעֲקֹב אָבִינוּ הָאט אוֹיסְגֶעלֶערְנְט מֶען זָאל דַאוֶוענֶען און בֶּעטְן אוֹיף זַאכְן וָואס הָאט מִיט דִי שְׁטוּב, אוֹיף 'פַּרְנָסָה' אוֹיף 'גֶעזוּנְט' און אוֹיף אַלֶע יְשׁוּעוֹת וָואס אַ מֶענְטְשׁ וַוארְט צוּ גֶעהָאלְפְן וֶוערְן; דָאס אִיז אַ זַאךְ וָואס רֶעדְט צוּ יֶעדְן אֵיינֶעם, אֲפִילוּ צוּ גוֹיִם, וַוייל וֶוער דַארְף נִישְׁט פַּרְנָסָה? גֶעזוּנְט? און אַזוֹי וַוייטֶער, אַלֶע דַארְפְן דָאס; דָאס זָאגְט דֶער רֶבִּי, אַז שְׁלֵימוּת הַתְּפִלָּה אִיז בַּיי יַעֲקֹב אָבִינוּ, וָואס הָאט אַרוֹיפְגֶעבְּרֶענְגְט דָאס דַאוֶוענֶען מֵהַר וְשָׂדֶה פוּן אַ בַּארְג און אַ פֶעלְד – לְבְחִינַת בַּיִת צוּ זַאכְן וָואס הָאט מִיט דִי שְׁטוּב, וָואס אִין דֶעם הָאט יֶעדֶער אַ גֶעפִיל.

**"כִּי בֵיתִי בֵּית תְּפִלָּה יִקָּרֵא לְכָל הָעַמִּים"; וּכְשֶׁהוּא בִּבְחִינַת בַּיִת, כְּדֵין אִתְיַקַּר שְׁמָא עִלָּאָה כַּנַּ"ל: וְזֶה פֵּרוּשׁ:** (תְּהִלִּים מ"ח): **"גָּדוֹל ה' וּמְהֻלָּל מְאֹד", כְּלוֹמַר**

**וּכְשֶׁהוּא בִּבְחִינַת בַּיִת** און וֶוען מֶען בְּרֶענְגְט אַרַיין תְּפִלָּה אִין שְׁטוּב זַאכְן, מֶען פַארְשְׁטֵייט אַז אַלֶעס וָואס מֶען דַארְף, נִישְׁט קֵיין חִילוּק גְרוֹיסֶע זַאכְן אָדֶער קְלֵיינֶע זַאכְן, אוֹיף אַלֶעס בֶּעט מֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן – **כְּדֵין אִתְיַקַּר** דֶעמָאלְט וֶוערְט טַייעֶר **שְׁמָא עִלָּאָה** דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס נָאמֶען, אֲפִילוּ בַּיי דִי וַוייטֶע מֶענְטְשְׁן און אֲפִילוּ בַּיי דִי גוֹיִם **כַּנַּ"ל** אַזוֹי וִוי אוֹיבְן אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט (אוֹת ב). וַוייל אִין דֶעם הָאט יֶעדֶער אַ גֶעפִיל, דָאס קֶענֶען אַלֶע פַארְשְׁטֵיין.

[בֶּאֱמֶת וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּבְחִינַת 'בַּיִת', עֶר בֶּעט אוֹיף צָרְכֵי הַבַּיִת, עֶר בֶּעט מִיט אַן אֱמֶת אוֹיף זַאכְן וָואס עֶר דַארְף, וֶועט עֶר בְּמֶשֶׁךְ דִי צַייט זוֹכֶה זַיין צוּ צוּקוּמֶען צוּ בְּחִינַת 'שָׂדֶה' און 'הַר', עֶר וֶועט מִתְפַּלֵּל זַיין אוֹיךְ אוֹיף גְרוֹיסֶע זַאכְן, עֶר וֶועט בֶּעטְן אוֹיף רוּחָנִיּוּת, אוֹיף תַּכְלִית וְכוּ', אָבֶּער דֶער אָנְהֵייבּ דַארְף זַיין אוֹיף 'בַּיִת', אוֹיף זַאכְן וָואס אִיז נוֹגֵעַ צוּ אִים, וָואס דָאס דַארְף עֶר יֶעצְט וִויכְטִיג, וַוייל בַּיים רֶבִּי'ן אִיז דֶער עִקָּר צוּ קוּמֶען מִיט אַן אֱמֶת, נִישְׁט זִיךְ פָּאפְּן].

**יֶעצְט** גֵייט דֶער רֶבִּי דָאס אַלֶעס אַרַיינְלֵייגְן אִינֶעם פָּסוּק; **וְזֶה פֵּרוּשׁ** און דָאס אִיז וָואס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (תְּהִלִּים מ"ח, ב): **'גָּדוֹל ה' וּמְהֻלָּל מְאֹד'** דֶער

**אֵימָתַי גָּדוֹל ה'? כְּשֶׁהוּא מְהֻלָּל מְאֹד מִסִּטְרָא דְמוֹתָא, שֶׁהוּא בְּחִינַת עַכּוּ"ם (כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ, זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה** (בְּרֵאשִׁית רַבָּה ט) **עַל פָּסוּק** (בְּרֵאשִׁית א): **"וְהִנֵּה טוֹב מְאֹד", "מְאֹד" 'זֶה מַלְאַךְ הַמָּוֶת'), כְּשֶׁהוּא מְהֻלָּל מֵהֶם, אֲזַי הוּא גָּדוֹל, כִּי הוּא עִקַּר גְּדֻלָּתוֹ. וְאֵימָתַי הוּא מְהֻלָּל מֵהֶם? "בְּעִיר אֱלֹקֵינוּ הַר קָדְשׁוֹ", דְּהַיְנוּ כְּשֶׁבְּחִינַת הַר נַעֲשֶׂה עִיר אֱלֹקֵינוּ, שֶׁהוּא יִשּׁוּב בְּנֵי־אָדָם, בְּחִינַת בַּיִת, שֶׁהוּא מֻשָּׂג יוֹתֵר מֵהַר וְשָׂדֶה; דְּהַיְנוּ כְּשֶׁמַּעֲלִין אֶת בְּחִינַת הַתְּפִלָּה מִבְּחִינַת הַר לִבְחִינַת עִיר וּבַיִת,**

אייבערשטער איז גרויס און זייער געלויבט, און דער הייליגער זוהר זאגט (פָּרָשַׁת וַיִּקְרָא ה.) **כְּלוֹמַר** דער פסוק מיינט צו זאגן **אֵימָתַי** 'גָּדוֹל ה'' ווען ווערט דער אייבערשטער גרויס? **כְּשֶׁהוּא** 'מְהֻלָּל מְאֹד' ווען ער איז 'זייער' געלויבט, און ווען איז דאס? **מִסִּטְרָא דְמוֹתָא** ווען דער אייבערשטער איז אויך געלויבט ביי די טויטע מענטשן, **שֶׁהוּא בְּחִינַת עַכּוּ"ם** דאס זענען די פעלקער וואס דינען עבודה זרה, **(כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ, זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה** אזוי ווי חכמינו זכרונם לברכה זאגן אין מדרש (בְּרֵאשִׁית רַבָּה ט, יב) **עַל פָּסוּק** אויפן פסוק (בְּרֵאשִׁית א, לא): **'וְהִנֵּה טוֹב מְאֹד'** אלעס איז זייער גוט, ווען דער אייבערשטער האט באשאפן די וועלט האט דער אייבערשטער געזען אז אלעס איז 'זייער' גוט, פרעגן די הייליגע חכמים: 'מְאֹד' וואס דרוקט דער פסוק די ווארט 'מְאֹד'? ענטפערן זיי: **'זֶה מַלְאַךְ הַמָּוֶת'** דאס מיינט מען דעם מלאך המות, און אזוי אויך די אלע וואס דינען עבודה זרה זענען טויטע), טייטשט דער רבי, **כְּשֶׁהוּא מְהֻלָּל מֵהֶם** ווען עס קומען די פעלקער וואס האבן געדינט די געטשקעס און זיי ליבן אויס דעם אייבערשטן – **אֲזַי הוּא גָּדוֹל** דעמאלט ווערט דער אייבערשטער גרויס, **כִּי הוּא עִקַּר גְּדֻלָּתוֹ** ווייל דאס איז זיין עיקר גרויסקייט, ווען די ווייטע קומען און ליבן אים, **וְאֵימָתַי הוּא מְהֻלָּל מֵהֶם** און ווען קומען די פעלקער און ליבן דעם אייבערשטן? **'בְּעִיר אֱלֹקֵינוּ הַר קָדְשׁוֹ'** [אין די 'שטאט' פון אונזער גאט אויף זיין הייליגע בארג], טייטשט דער רבי, **דְּהַיְנוּ** דאס מיינט צו זאגן ווען מען ברענגט אריין די זאך פון תפלה; **כְּשֶׁבְּחִינַת הַר** פון 'בארג' **נַעֲשֶׂה** ווערט **עִיר אֱלֹקֵינוּ** די 'שטאט' פון אונזער גאט, **שֶׁהוּא יִשּׁוּב בְּנֵי אָדָם** וואס דאס איז א פלאץ וואו מענטשן וואוינען, **בְּחִינַת בַּיִת** דאס הייסט מען דאווענט אויף שטוב זאכן, **שֶׁהוּא מֻשָּׂג יוֹתֵר מֵהַר וְשָׂדֶה** וואס דאס איז נענטער צו פארשטיין און האבן א געפיל אין דעם – ווי בעטן אויף רוחניות און זוכה זיין צו השגת אלקות, **דְּהַיְנוּ** דאס איז **כְּשֶׁמַּעֲלִין אֶת בְּחִינַת הַתְּפִלָּה** ווען מען ברענגט אריין אין מענטשן די זאך פון תפלה, **מִבְּחִינַת הַר** פון 'בארג', פון בעטן דעם אייבערשטן אויף רוחניות **לִבְחִינַת עִיר וּבַיִת** צום שטאט און צו שטוב זאכן, **שֶׁאָז יֵשׁ גַּם**

לְעַכּוּ"ם הַשָּׂגָה דֶעמָאלְט קֶענֶען דִי פֶעלְקֶער אוֹיךְ פַארְשְׁטֵייןְ דִי זַאךְ פוּן תְּפִלָּה כַּנַּ"ל אַזוֹי וִוי פְרִיעֶר אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט, **אָז דַיְקָא** גָּדוֹל ה' דֶעמָאלְט וֶוערְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גְרוֹיס, **כִּי זֶה עִקַּר גְּדֻלָּתוֹ** יִתְבָּרַךְ וַוייל דָאס אִיז זַיין עִקָּר גְרוֹיסְקֵייט, **כְּשֶׁגַּם הָרְחוֹקִים יוֹדְעִים מִמֶּנּוּ יִתְבָּרַךְ** וֶוען אוֹיךְ דִי וַוייטֶע מֶענְטְשְׁן פַארְשְׁטֵייעֶן אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער, כַּנַּ"ל אַזוֹי וִוי אוֹיבְן אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט (אוֹת ב).

**שֶׁאָז יֵשׁ גַּם לָעַכּוּ"ם הַשָּׂגָה כַּנַּ"ל, אָז דַיְקָא גָּדוֹל ה', כִּי זֶה עִקַּר גְּדֻלָּתוֹ יִתְבָּרַךְ, כְּשֶׁגַּם הָרְחוֹקִים יוֹדְעִים מִמֶּנּוּ יִתְבָּרַךְ כַּנַּ"ל.**

[נָאךְ אַ פְּשַׁט קֶען זַיין אִין דִי זַאךְ וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט פוּן 'הַר' 'שָׂדֶה' 'בַּיִת', אַז עֶס אִיז דָא דְרַיי מַדְרֵיגוֹת אִין תְּפִלָּה; אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט אַנְטְפְּלֶעקְט דִי מַדְרֵיגָה פוּן 'הַר', עֶר הָאט אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אַ וֶועג וִוי אַזוֹי צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּרְךְ זִיךְ אָפְּשֵׁיידְן אִינְגַאנְצְן פוּן דִי וֶועלְט, נִישְׁט הָאבְּן קֵיין שַׁייכוּת מִיט מֶענְטְשְׁן, דוּרְךְ אַנְטְלוֹיפְן צוּ דִי בֶּערְג חוּץ לְיִשּׁוּב אוּן דָארְט זָאל מֶען זִיךְ בַּאהֶעפְטְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָארְט זָאל מֶען דַאוֶוענֶען אוּן נָאר דָארְט אִיז דִי מְקוֹם הַתְּפִלָּה, עֶר הָאט אָנְגֶערוּפְן דִי 'בֵּית הַמִּקְדָּשׁ' דִי 'מְקוֹם הַתְּפִלָּה' מִיטְן נָאמֶען - 'הַר', וַוייל דִי 'בֶּערְג' זֶענֶען וַוייט פוּן שְׁטָאט, וַוייט פוּן מֶענְטְשְׁן, אוּן דָאס אִיז גֶעוֶוען דִי וֶועג וִוי אַזוֹי דִי נְבִיאִים הָאבְּן גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זֵיי פְלֶעגְן זִיךְ אָפְּשֵׁיידְן פוּן דִי וֶועלְט, זֵיי פְלֶעגְן אַלֶץ זַיין צְוִוישְׁן דִי בֶּערְג, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יַלְקוּט שִׁמְעוֹנִי מְלָכִים-ב, רֶמֶז רכח) אוֹיף אֱלִישָׁע הַנָּבִיא, אַז עֶר אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי דָבוּק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ שְׁרֶעק צוּ קוּקְן אוֹיף זַיין פָּנִים, עַד כְּדֵי כָּךְ אַז דִי טְרָאגֶעדִיגֶע פְרוֹיעֶן וָואס הָאבְּן אִים גֶעזֶען הָאבְּן זִיךְ אַזוֹי דֶערְשְׁרָאקְן אַז זֵיי הָאבְּן פַארְלוֹירְן וְכוּ', בִּיז עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט זַיין צְוִוישְׁן מֶענְטְשְׁן, עֶר אִיז שְׁטֶענְדִיג גֶעוֶוען צְוִוישְׁן דִי בֶּערְג. דִי מַדְרֵיגָה אִיז גָאר אַ הוֹיכֶע מַדְרֵיגָה, אָבֶער עֶס הָאט אוֹיךְ אַ חִסָּרוֹן, אַז נִישְׁט יֶעדֶער אֵיינֶער קֶען גֵיין אִין דִי וֶועג, סוֹף כָּל סוֹף לֶעבְּן מִיר דָא אִין אַ וֶועלְט מִיט אַ וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, מֶען קֶען נִישְׁט אִיבֶּערְלָאזְן דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער אוּן אַנְטְלוֹיפְן פוּן יִשּׁוּב.

**נָאכְדֶעם** אִיז גֶעקוּמֶען יִצְחָק אָבִינוּ אוּן אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט דִי זַאךְ פוּן תְּפִלָּה מֶער נֶענְטֶער צוּ מֶענְטְשְׁן, עֶר הָאט אָנְגֶערוּפְן דִי 'בֵּית הַמִּקְדָּשׁ' דִי 'מְקוֹם הַתְּפִלָּה' - 'שָׂדֶה', אַז עֶס פֶעלְט נִישְׁט אוֹיס אַרוֹיסְצוּגֵיין אַזוֹי וַוייט בִּיז דִי בֶּערְג, מֶען קֶען אוֹיךְ זַיין אִין פֶעלְד וָואס אִיז נֶענְטֶער צוּם יִשּׁוּב אוּן דָארְט דַאוֶוענֶען אוּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס אִיז שׁוֹין מֶער נֶענְטֶער פַאר מֶענְטְשְׁן צוּ הֶערְן אוּן פַארְשְׁטֵיין, וַוייל מֶען דַארְף נָאר אַרוֹיסְגֵיין אַבִּיסְל פוּן שְׁטָאט אוּן מֶען קֶען שׁוֹין דָארְט דַאוֶוענֶען אוּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען דַארְף זִיךְ נִישְׁט אִינְגַאנְצְן אָפְּשֵׁיידְן, אוּן מִיט דֶעם וֶועג הָאבְּן זִיךְ גֶעפִירְט דִי הֵיילִיגֶע תַּנָּאִים אוּן אֲמוֹרָאִים, זֵיי פְלֶעגְן גֵיין שְׁפַּאצִירְן אִין פֶעלְדֶער אוּן אִין הֵיילְן, אוּן זִיךְ מְדַבֵּק

גֶעוֶוען צוּם אײבֶּערשְׁטְן, אַזוֹי ווי מִיר גֶעפִינֶען אִין זוֹהַר הַקָדוֹשׁ, ווי דֶער הײלִיגֶער תַּנָא רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאי מִיט זַײנֶע תַּלְמִידִים פְלֶעגְן גײן שְׁפַּאצִירְן אִין פֶעלְדֶער אוּן אִין הײלְן, אוּן זִיךְ אִינְגַאנְצְן צוּקְלֶעבְן צוּם אײבֶּערשְׁטְן.

**אָבֶּער** אוֹיךְ דִי מַדְרֵיגָה אִיז נִישְׁט קֵיין דָבָר הַשָׁוֶה לְכָל נֶפֶשׁ, וַוייל נִישְׁט יֶעדֶער קֶען אִיבֶּערלָאזְן זַײנֶע גֶעשֶׁעפְטְן אוּן אַוֶועק גײן אִין פֶעלְדֶער, ווער רֶעדְט נָאךְ פוּן גוֹיִם; וָואס וֵוייסְט אַ גוֹי פוּן אַזַא זַאךְ, גײן שְׁמוּעֶסְן אִין פֶעלְד מִיטְן אײבֶּערשְׁטְן? דִי פֶעלְדֶער זֶענֶען פַאר חַיוֹת אוּן בְּהֵמוֹת, אוּן אַז מֶען וֶועט אִים אַרָאפְּלײגְן דִי זַאךְ פוּן דַאוֶוענֶען אַז דָאס דַארְף זַײן אִין פֶעלְד, וֶועט עֶר דָאס בִּכְלָל נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין.

**קוּמְט** יַעֲקֹב אָבִינוּ אוּן בְּרֶענְגְט אַרוֹיף דִי זַאךְ פוּן תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת - אִין שְׁטוּבּ אַרײן, עֶר הָאט אָנְגֶערוּפְן דִי 'בֵּית הַמִקְדָשׁ' דִי 'מְקוֹם הַתְּפִלָּה' - 'בַּיִת', אַז מֶען דַארְף נִישְׁט גײן אִין עֶרְגֶעץ, מֶען קֶען בְּלַײבְּן אִין שְׁטוּבּ אוּן דָארְט זַײן דָבוּק צוּם אײבֶּערשְׁטְן, כְּאִילוּ מֶען אִיז אִין פֶעלְד אוּן צְווִישְׁן דִי בֶּערְג, אוּן בֶּעטְן אוֹיף אַלֶע שְׁטוּבּ זַאכְן; אִין דֶעם הָאבְּן שׁוֹין אַלֶע הַשָּׂגָה, אֲפִילוּ דִי גוֹיִם, אַזוֹי ווי עֶס שְׁטֵייט 'כִּי בֵיתִי בֵּית תְּפִלָּה יִקָּרֵא לְכָל הָעַמִּים' בֵּיתִי - בֵּית תְּפִלָּה, אַז אִיךְ קֶען יֶעדֶע זַאךְ וָואס פֶעלְט מִיר - בֶּעטְן דֶעם אײבֶּערשְׁטְן - 'יִקָּרֵא לְכָל הָעַמִּים' דָאס רֶעדְט שׁוֹין אֲפִילוּ צוּ דִי גוֹיִם אוּן צוּ אַלֶע פֶעלְקֶער; וַוייל אַז מֶען וֶועט זָאגְן פַארְן גוֹי 'אוֹיבּ עֶס פֶעלְט דִיר עֶפֶּעס אִין דַײן לֶעבְּן זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם אײבֶּערשְׁטְן' - וֶועט דֶער גוֹי דָאס אָנְנֶעמֶען אוּן דָאס פַארְשְׁטֵיין].

**ד וְעִנְיָן זֶה לְהַעֲלוֹת הַתְּפִלָּה מִבְּחִינַת הַר וְשָׂדֶה לִבְחִינַת בַּיִת, בְּחִינַת עִיר אֱלֹקֵינוּ, כְּדֵי שֶׁיִּתְגַּלֶּה מַלְכוּתוֹ גַּם לְעַכּוּ"ם, שֶׁיִּהְיֶה לָהֶם גַּם כֵּן הַשָּׂגָה בֶּאֱלֹקוּתוֹ יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ — אִי אֶפְשָׁר לְהֵעָשׂוֹת כִּי אִם עַל־יְדֵי צַדִּיקֵי הַדּוֹר, כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ**

**ד וְעִנְיָן זֶה** אוּן צוּ קֶענֶען אָנְקוּמֶען צוּ דֶעם, **לְהַעֲלוֹת הַתְּפִלָּה** אוֹיפְצוּהֵייבְּן דִי תְּפִלוֹת, **מִבְּחִינַת הַר וְשָׂדֶה לִבְחִינַת בַּיִת** פוּן 'הַר' אוּן 'שָׂדֶה' - צוּ 'בַּיִת' - **בִּבְחִינַת** אַזוֹי ווי דֶער רֶבִּי טַײטְשְׁט אוֹיבְּן (אִין אוֹת ג) דֶעם פָּסוּק 'עִיר אֱלֹקֵינוּ' [אִין דִי 'שְׁטָאט' פוּן אוּנְזֶער גָאט], דָאס הֵייסְט מֶען זָאל קֶענֶען אַרײנְבְּרֶענְגֶען אִין מֶענְטְשְׁן וָואס בַּיי זֵיי אִיז דִי זַאךְ פוּן תְּפִלָּה אַ וַוײטֶע זַאךְ, עֶס זֶעט זֵיי אוֹיס זֵייעֶר וַוייט אוּן זֵייעֶר שְׁוֶוער, אַזוֹי ווי אַ גְרוֹיסֶע 'בַּארְג', **כְּדֵי שֶׁיִּתְגַּלֶּה מַלְכוּתוֹ גַּם לְעַכּוּ"ם** אַז עֶס זָאל אַנְפְּלֶעקְט וֶוערְן אוֹיךְ פַאר דִי פֶעלְקֶער דֶעם אײבֶּערשְׁטְנ'ס גְרוֹיסְקֵייט, **שֶׁיִּהְיֶה לָהֶם גַּם כֵּן הַשָּׂגָה בֶּאֱלֹקוּתוֹ יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ** זֵיי זָאלְן אוֹיךְ קֶענֶען פַארְשְׁטֵיין דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּנֶעם אײבֶּערשְׁטְן - **אִי אֶפְשָׁר לְהֵעָשׂוֹת** דָאס קֶען נִישְׁט גֶעטוּן וֶוערְן, **כִּי אִם עַל יְדֵי צַדִּיקֵי הַדּוֹר** נָאר דוּרְךְ דִי צַדִּיקִים פוּנֶעם דוֹר, [אִין דִי כְּתַב יַד פוּן מוֹהַרְנַ"תּ אִיז צוּגֶעשְׁרִיבְּן: 'צַדִּיקֵי 'אֱמֶת' שֶׁבַּדּוֹר', דִי 'אֱמֶתְ'עֶ' צַדִּיקִים פוּנֶעם דוֹר], **כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ** חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה

**חֲכָמֵינוּ, זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה** (בָּבָא בַּתְרָא קטז.): **'מִי שֶׁיֵּשׁ לוֹ חוֹלֶה בְּתוֹךְ בֵּיתוֹ, יֵלֵךְ אֵצֶל חָכָם וִיבַקֵּשׁ עָלָיו רַחֲמִים'; כִּי עִקַּר הַתְּפִלָּה אֵינָם יוֹדְעִים כִּי אִם צַדִּיקֵי הַדּוֹר.**

**כִּי יֵשׁ בַּעֲלֵי גַּאֲוָה, שֶׁאֵינָם רוֹצִים שֶׁיֵּלְכוּ לְצַדִּיקִים, וְאוֹמְרִים שֶׁהֵן בְּעַצְמָם יְכוֹלִים לְהִתְפַּלֵּל, וּמוֹנְעִים גַּם אֲחֵרִים**

אַזוֹי ווי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בָּבָא בַּתְרָא קטז.): **'מִי שֶׁיֵּשׁ לוֹ חוֹלֶה בְּתוֹךְ בֵּיתוֹ'** ווער עֶס הָאט אַ קְרַאנְקֶער מֶענְטְשׁ אִין שְׁטוּבּ, **'יֵלֵךְ אֵצֶל חָכָם'** זָאל גֵיין צוּ אַ חָכָם, דָאס מֵיינְט מֶען אַ צַדִּיק - **'וִיבַקֵּשׁ עָלָיו רַחֲמִים'** אוּן דֶער צַדִּיק זָאל מִתְפַּלֵּל זַיין פַאר אִים, אוּן דֶער צַדִּיק ווֶעט אִין אִים אַרַיינְשַׁיינֶען אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, בִּיז דֶער מֶענְטְשׁ ווֶעט אָנְהֵייבְּן שְׁפִּירְן ווי עֶר אִיז שְׁטֶענְדִיג אַרוּמְגֶענוּמֶען מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר ווֶעט שְׁפִּירְן ווי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט אִים, בַּיי אִים אוּן נֶעבְּן אִים, אוּן עֶר ווֶעט שְׁטֶענְדִיג רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִים בֶּעטְן יֶעדֶע זַאךְ, **כִּי עִקַּר הַתְּפִלָּה** ווייל דִי עִקָּר תְּפִלָּה **אֵינָם יוֹדְעִים כִּי אִם צַדִּיקֵי הַדּוֹר** אִיז נָאר בַּיי דִי צַדִּיקִים פוּנֶעם דוֹר; דִי צַדִּיקִים פוּנֶעם דוֹר ווָאס זֶענֶען מְקַבֵּל אַנְפֵּי שְׁכִינְתָּא בְּכָל יוֹם, זֵיי לֶעבְּן מִיט אַזַא דְבֵיקוּת צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - זֵיי הַאלְטְן בַּיי שְׁלֵמוּת הַתְּפִלָּה; דָאס מֵיינְט אַז יֶעדֶע זַאךְ בֶּעטְן זֵיי דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זֵיי בְּרֶענְגֶען דָאס אַרַיין אִין זֵייעֶרֶע תַּלְמִידִים, אַז זֵיי זָאלְן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף יֶעדְן זַאךְ, סַיי אוֹיף גְרוֹיסֶע זַאכְן ווָאס דֶער מֶענְטְשׁ קוּקְט אָן ווי אַ גְרוֹיסֶע בַּארג אוּן אַ בְּרֵייטֶע פֶעלְד, בְּחִינַת 'הַר' אוּן 'שָׂדֶה', אוּן אוֹיךְ אוֹיף קְלֵיינִיקֵייטְן ווי אַ קְלֵיינֶע שְׁטוּבּ, בְּחִינַת 'בַּיִת'; בִּיז דִי גַאנְצֶע לֶעבְּן ווֶערְט אֵיין שְׁטִיק תְּפִלָּה.

**אַזוֹי** ווי מוֹהֲרְנַ"ת דֶערְצֵיילְט (עַיֵּין שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רלג), אַמָאל בִּין אִיךְ גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אוּן גֶעזָאגְט פַאר'ן רֶבִּי'ן אַז מַיין רֶעקְל אִיז צֶערִיסְן, הָאט מִיר דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט אִיךְ זָאל בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוֹיף דֶעם, אוּן אִיךְ הָאבּ זִיךְ זֵייעֶר פַארְוואוּנְדֶערְט אוּן גֶעפְרֶעגְט: 'ווָאס? אוֹיף דֶעם זָאל אִיךְ אוֹיךְ בֶּעטְן, אוֹיף אַזַא קְלֵיינִיקֵייט?' הָאט מִיר דֶער רֶבִּי אוֹיסְגֶעלֶערְנְט תְּפִלָּה בִּבְחִינַת 'בַּיִת', דֶער רֶבִּי הָאט מִיר גֶעזָאגְט: 'יָא, אַוַדַאי זָאלְסְטוּ בֶּעטְן אוֹיף דֶעם אוֹיךְ', דֶער רֶבִּי הָאט מִיר גֶעזָאגְט: 'ווָאס? עֶס פַּאסְט דִיר נִישְׁט צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַזַא זַאךְ?! נָאר 'הַר'? נָאר 'שָׂדֶה'? נָאר רוּחָנִיּוּת אוּן הַשָּׂגַת אֱלֹקוּת? יֶעדֶע זַאךְ בֶּעט מֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוֹיךְ אוֹיף 'בַּיִת''. דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעלֶערְנְט אַז שְׁלֵימוּת הַתְּפִלָּה אִיז מֶען זָאל מַאכְן תְּפִלָּה פוּן יֶעדֶע זַאךְ, סַיי גְרוֹיס אוּן סַיי קְלֵיין, סַיי אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם אוּן סַיי אִין שְׁטוּבּ זַאכְן.

**זָאגְט** אָבֶּער דֶער רֶבִּי, **כִּי יֵשׁ בַּעֲלֵי גַּאֲוָה** עֶס זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן ווָאס הַאלְטְן זִיךְ גְרוֹיס, **שֶׁאֵינָם רוֹצִים שֶׁיֵּלְכוּ לְצַדִּיקִים** זֵיי ווילְן נִישְׁט מֶען זָאל גֵיין צוּ צַדִּיקִים, **וְאוֹמְרִים** אוּן זֵיי זָאגְן **שֶׁהֵן בְּעַצְמָם יְכוֹלִים**

כְּשֶׁיֵּשׁ לָהֶם צַעַר אוֹ חוֹלֶה לֵילֵךְ לְצַדִּיקִים — עֲלֵיהֶם נֶאֱמַר (בְּרֵאשִׁית כ): "הָשֵׁב אֵשֶׁת הָאִישׁ" וְכוּ', כִּי זֶה הַבַּעַל-גַּאֲוָה מְכֻנֶּה בִּלְשׁוֹן אֲבִימֶלֶךְ: אֲבִי לְשׁוֹן רָצוֹן, כִּי הוּא רוֹצֶה לִמְלֹךְ, וְהַיְנוּ אֲבִימֶלֶךְ. כִּי בֶּאֱמֶת צַדִּיק מוֹשֵׁל בִּתְפִלָּתוֹ, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (שְׁמוּאֵל-ב כג): "צַדִּיק מוֹשֵׁל" וְכוּ'; וְהוּא מִתְגָּאֶה בְּעַצְמוֹ שֶׁיָּכוֹל לְהִתְפַּלֵּל וְיֵשׁ לוֹ הַמֶּמְשָׁלָה, וְעַל כֵּן מְכֻנֶּה בְּשֵׁם אֲבִימֶלֶךְ, כִּי הוּא רוֹצֶה לִמְלֹךְ וְאוֹמֵר: אֲנָא אֶמְלֹךְ.

לְהִתְפַּלֵּל אַז זֵיי אַלֵיינְס קֶענֶען דַאוֶוענֶען, וּמוֹנְעִים גַּם אֲחֵרִים אוּן זֵיי הַאלְטְן צוּרִיק אוֹיךְ אַנְדֶערֶע כְּשֶׁיֵּשׁ לָהֶם צַעַר אוֹ חוֹלֶה וֶוען זֵיי הָאבְּן אַ וֵוייטָאג אָדֶער זֵיי זֶענֶען נִישְׁט גֶעזוּנְט – לֵילֵךְ לְצַדִּיקִים צוּ גֵיין צוּ צַדִּיקִים, עֲלֵיהֶם נֶאֱמַר אוֹיף זֵיי אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן דָאס וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעזָאגְט פַאר אֲבִימֶלֶךְ (בְּרֵאשִׁית כ, ז): 'הָשֵׁב אֵשֶׁת הָאִישׁ' וְכוּ' גֶעבּ צוּרִיק שָׂרָה – וָואס אִיז אַן אֵשֶׁת אִישׁ – פַאר אַבְרָהָם, טַייטְשְׁט דֶער רֶבִּי מֶער טִיפֶער, אַז דָאס מֵיינְט מֶען דִי בַּעֲלֵי גַּאֲוָה וָואס גֵייעֶן נִישְׁט צוּ צַדִּיקִים אוּן הַאלְטְן צוּרִיק אַנְדֶערֶע פוּן גֵיין צוּ צַדִּיקִים, **כִּי זֶה הַבַּעַל גַּאֲוָה** וַוייל דֶער בַּעַל גַּאֲוָה מְכֻנֶּה וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן בִּלְשׁוֹן מִיטְן נָאמֶען אֲבִימֶלֶךְ 'אַבִי-מֶלֶךְ', אֲבִי דִי וָוארְט 'אֲבִי' לְשׁוֹן רָצוֹן אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן ווילְן [אִין דִי כְּתַב יַד וָואס אִיז אַרָאפְּגֶעבְּרֶענְגְט סוֹף פוּן דִי תּוֹרָה שְׁטֵייט, 'כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב' אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (דְּבָרִים כג, ו): 'וְלֹא אָבָה ה' אֱלֹקֶיךָ' וְגוֹ' דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט הֶערְן וָואס בִּלְעָם שֶׁעלְט, זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז 'אַבִי' אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן ווִילְן], **כִּי הוּא** וַוייל דֶער בַּעַל גַּאֲוָה רוֹצֶה לִמְלֹךְ ווִיל גֶעוֶועלְטִיגְן אוּן זַיין אַזוֹי ווִי אַ קֶענִיג, עֶר ווִיל זִיךְ נִישְׁט אַיינְבֵּייגְן דֶעם קָאפּ פַאר צַדִּיקֵי אֱמֶת, וְהַיְנוּ אוּן דֶערְפַאר רוּפְט מֶען אִים אֲבִימֶלֶךְ, דָאס אִיז דִי טַייטְשׁ פוּן 'אַבִי-מֶלֶךְ' – אִיךְ ווִיל קֶענִיגְן.

**כִּי בֶּאֱמֶת** וַוייל אִין אֱמֶת'ן אַרַיין צַדִּיק מוֹשֵׁל בִּתְפִלָּתוֹ טוּט דֶער צַדִּיק גֶעוֶועלְטִיגְן מִיט זַיין תְּפִלָּה, דָאס הֵייסְט אַז נָאר בַּיי אִים אִיז דָא שְׁלֵמוּת הַתְּפִלָּה, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (שְׁמוּאֵל-ב כג, ג): 'צַדִּיק מוֹשֵׁל' וְכוּ' אוּן חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דַּרְשְׁ'עֶנֶען (מוֹעֵד קָטָן טז:): 'מִי מוֹשֵׁל בִּי, צַדִּיק', וֶוער גֶעוֶועלְטִיגְט אִין מִיר? דֶער צַדִּיק, 'שֶׁאֲנִי גּוֹזֵר גְּזֵרָה' וַוייל אִיךְ מַאךְ גְּזֵירוֹת, 'וְהוּא מְבַטְּלוֹ' אוּן דֶער צַדִּיק נֶעמְט עֶס אַוֶועק, זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז דֶער צַדִּיק טוּט גֶעוֶועלְטִיגְן, עֶר טוּט מְבַטֵּל זַיין דִי גְזֵירוֹת פוּן דִי וֶועלְט; **וְהוּא** אוּן דֶער וָואס גֵייט נִישְׁט צוּם צַדִּיק מִתְגָּאֶה בְּעַצְמוֹ הַאלְט זִיךְ גְּרוֹיס שֶׁיָּכוֹל לְהִתְפַּלֵּל אַז עֶר אַלֵיין קֶען דַאוֶוענֶען, וְיֵשׁ לוֹ הַמֶּמְשָׁלָה אוּן אַז עֶר אַלֵיין גֶעוֶועלְטִיגְט אוּן עֶר דַארְף נִישְׁט מְקוֹרָב וֶוערְן צוּם צַדִּיק, וְעַל כֵּן מְכֻנֶּה בְּשֵׁם אֲבִימֶלֶךְ דֶערְפַאר וֶוערְט דֶער בַּעַל גַּאֲוָה אָנְגֶערוּפְן 'אֲבִימֶלֶךְ', **כִּי הוּא** רוֹצֶה לִמְלֹךְ וַוייל עֶר ווִיל אַלֵיין קֶענִיגְן, 'אַבִי-מֶלֶךְ' (אִיךְ ווִיל קֶענִיגְן) **וְאוֹמֵר** אוּן עֶר

זָאגְט **אֲנָא אֶמְלֹךְ** אִיךְ וֶועל זַיין קֶענִיג, אָבֶער בֶּאֱמֶת אִיז דָאס נִישְׁט אַזוֹי, נָאר מֶען מוּז זִיךְ מְבַטֵּל זַיין צוּם צַדִּיק, אוּן נָאר אַזוֹי קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ שְׁפִּירְן דִי זִיסֶע אַיינְגֶענֶעמֶע לוֹיטֶערֶע טַעַם פוּן שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. טַייטְשְׁט דֶער רֶבִּי אוֹיס דִי גַאנְצֶע פַּרְשָׁה וָואס אֲבִימֶלֶךְ הָאט אַוֶועק גֶענוּמֶען שָׂרָה פוּן אַבְרָהָם אַז דָאס אִיז מְרַמֵּז אוֹיף דֶעם; 'שָׂרָה' אִיז טַייטְשׁ הֶערְנְטֶע, דָאס אִיז 'מַלְכוּת', אוּן 'מַלְכוּת' מֵיינְט מֶען 'תְּפִלָּה', אוּן 'אַבְרָהָם אָבִינוּ' אִיז דֶער צַדִּיק, וָואס צוּ אִים גֶעהֶערְט 'שָׂרָה' - דִי תְּפִלָּה, בַּיי אִים אִיז שְׁלֵימוּת הַתְּפִלָּה, קוּמְט 'אֲבִימֶלֶךְ' - דֶער בַּעַל גַּאֲוָה, אוּן טוּט אַוֶועק כַאפְּן 'שָׂרָה' פוּן 'אַבְרָהָם', עֶר מַאכְט זִיךְ כְּאִילוּ עֶר אַלֵיין קֶען לֶעבְּן מִיט תְּפִלָּה.

[לִכְאוֹרָה זֶעט אוֹיס וִוי דֶער רֶבִּי אִיז זִיךְ סוֹתֵר, וַוייל אִין אַלֶע רֶבִּינְ'ס סְפָרִים אוּן אִין אַלֶע שְׁמוּעֶסְן פוּן רֶבִּי'ן, זֶעט מֶען אֵיינְמָאל אוּן נָאכְאַמָאל אַז יֶעדֶער אֵיינֶער אָן אוֹיסְנָאם קֶען דַאוֶוענֶען אוּן זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין אוּן נָאר דָאס אִיז דִי וֶועג אָנְצוּקוּמֶען צוּ דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגוֹת וְכוּ', אִיז פַארְוָואס זָאגְט דָא דֶער רֶבִּי אַז מֶען מוּז גֵיין דַוְקָא צוּם צַדִּיק עֶר זָאל דַאוֶוענֶען פַאר אוּנְז, אוּן אַז מֶען זָאגְט אַז מֶען קֶען אַלֵיין דַאוֶוענֶען - אִיז מֶען אַ בַּעַל גַּאֲוָה? דֶער עִקָּר זַאךְ פוּן תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת אִיז דָאךְ אַלֵיין צוּ דַאוֶוענֶען, מֶען זָאל אַלֵיין בֶּעטְן!

**אָבֶער** אַז מֶען טְרַאכְט אַרֵיין גוּט וֶועט מֶען זֶען אַז בֶּאֱמֶת אִיז טַאקֶע אַזוֹי, אַז שְׁלֵימוּת הַתְּפִלָּה אִיז אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל אַלֵיין דַאוֶוענֶען אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַלֶעס וָואס גֵייט אוֹיף אִים אַרִיבֶּער, דָאךְ דַארְף מֶען נָאכְאַלְץ גֵיין צוּם צַדִּיק, כְּדֵי עֶר זָאל אוּנְז אוֹיסְלֶערְנֶען אוּן דֶערְמַאנֶען אַז מִיר זָאלְן דַאוֶוענֶען. אַזוֹי וִוי דִי מַעֲשֶׂה וָואס אִיז גֶעוֶוען מִיט אֵיינֶע פוּן דִי תַּלְמִידִים פוּן רֶבִּי'ן, ר' שְׁמוּאֵל אַיְיזִיק, אַז עֶר הָאט זִיךְ אַמָאל גֶע'חָלוֹמְ'ט וִוי עֶר גֵייט אַרֵיין אִין אַ שְׁטוּבּ וָואס אִיז גֶעוֶוען פוּל מִיט שְׁוֶוערְדְן, אוּן עֶר הָאט גֶענוּמֶען אַ שְׁוֶוערְד, עֶר הָאט עֶס גֶעוָואלְט נִיצְן, הָאט עֶר גֶעזֶען אַז עֶר קֶען עֶס נִישְׁט נִיצְן, דֶער שְׁוֶוערְד אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען אוֹיסְגֶעשַׁארְפְט, הָאט אִים אֵיינֶער גֶעזָאגְט אִין חָלוֹם, אוֹיבּ דוּ ווִילְסְט נִיצְן דֶעם שְׁוֶוערְד זָאלְסְטוּ גֵיין צוּ דֶעם וָואס קֶען שַׁארְפְן שְׁוֶוערְדְן, נָאר אַזוֹי וֶועסְטוּ דָאס קֶענֶען נִיצְן, אוּן עֶר הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעוֶועקְט. וֶוען עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן דֶערְצֵיילְן דִי חָלוֹם, הָאט אִים דֶער רֶבִּי פָארְאוֹיס גֶעזָאגְט שְׁטִיקְלֶעךְ פוּן לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן סִימָן ב', אַז תְּפִלָּה אִיז וִוי אַ שְׁוֶוערְד.

**מִיט** דֶעם קֶען מֶען פַארְשְׁטֵיין וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט דָא, אַז מֶען מוּז גֵיין צוּם צַדִּיק, וַוייל אִין אֶמֶת'ן אַרֵיין אִיז דָא בַּיי יֶעדְן אֵיינֶעם אַ שְׁוֶוערְד, יֶעדֶער אֵיינֶער הָאט דִי זַאךְ פוּן תְּפִלָּה, אָבֶער דֶער מֶענְטְשׁ ווַייסְט נִישְׁט וִוי אַזוֹי דָאס צוּ נִיצְן, דֶער מֶענְטְשׁ ווַייסְט נִישְׁט אַז עֶר קֶען אוֹיךְ דַאוֶוענֶען, עֶר קֶען אוֹיךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן גֶעהָאלְפְן וֶוערְן, דֶערִיבֶּער דַארְף מֶען גֵיין צוּם צַדִּיק, נִישְׁט נָאר אֵיין מָאל נָאר אָן אַ שִׁעוּר מָאל, וַוייל אַ מֶענְטְשׁ פַאר זִיךְ אַלֵיינְס אִיז מְיוּאָשׁ, עֶר גְלֵייבְּט נִישְׁט אִין זִיךְ, אוּן פוּן אַזוֹי סַאךְ

**וְזֶה פֵּרוּשׁ: "הָשֵׁב אֵשֶׁת הָאִישׁ". אֵשֶׁת** — **רָאשֵׁי־תֵבוֹת "אֲדֹנָי שְׂפָתַי תִּפְתָּח"** — **זֶה בְּחִינַת תְּפִלָּה; דְּהַיְנוּ הָשֵׁב אֵשֶׁת** — **בְּחִינַת הַתְּפִלָּה, לְהַצַּדִּיק, כִּי נָבִיא הוּא; כִּי 'הַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־הוּא מִתְאַוֶּה לִתְפִלָּתָן שֶׁל צַדִּיקִים'** (חֻלִּין ס:) **וּמְשַׁגֵּר תְּפִלָּה סְדוּרָה בְּפִיו, כְּדֵי שֶׁיֵּהָנֶה מִתְּפִלָּתוֹ. וְזֶה: כִּי נָבִיא הוּא, לְשׁוֹן נִיב שְׂפָתַיִם, כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ חֲכָמֵינוּ, זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה** (בְּרָכוֹת לד:)**: "בּוֹרֵא נִיב שְׂפָתָיִם"** — **אִם שְׁגוּרָה תְּפִלָּתוֹ בְּפִיו וְכוּ'. וְזֶה:**

שְׁוועריקייטְן און אִיבֶּערְגֵייאַכְץ טְרַאכְט דֶער מֶענְטְשׁ אַז עֶר קֶען שׁוֹין נִישְׁט מִתְפַּלֵּל זַיין, און אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט אִים נִישְׁט אוֹיס, בִּיז מֶען קוּמְט צוּם צַדִּיק, און דֶער צַדִּיק בְּלָאזְט אַרַיין אִין אִים אַ הָאפֶענוּנְג און דֶער מֶענְטְשׁ הֵייבְּט צוּרִיק אָן דַאוֶוענֶען און בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס עֶר דַארְף, און נָאר אַז מֶען קוּמְט צוּם צַדִּיק קֶען מֶען אַליין דַאוֶוענֶען].

**דֶער** רֶבִּי טַייטְשְׁט אוֹיס דִי פְּסוּקִים, וְזֶה פֵּרוּשׁ און דָאס אִיז פְּשַׁט וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית כ, ז), דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט פַּאר אֲבִימֶלֶךְ: 'הָשֵׁב אֵשֶׁת הָאִישׁ' [גֶעב צוּרִיק שָׂרָה - וָואס אִיז אַן אֵשֶׁת אִישׁ - פַּאר אַבְרָהָם], טַייטְשְׁט דֶער רֶבִּי, **אֵשֶׁת** דִי וָוארְט 'אֵשֶׁת', רָאשֵׁי תֵּבוֹת אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּנֶעם פָּסוּק (תְּהִלִּים נא, יז): **'אֲדֹנָי שְׂפָתַי תִּפְתָּח'** אֲ'דֹנָי שְׂ'פָתַי תִּ'פְתָּח [בַּאשֶׁעפֶער עֶפְן מַיינֶע לִיפְּן] - זֶה בְּחִינַת תְּפִלָּה דָאס מֵיינְט מֶען תְּפִלָּה, דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת אִיז מְרַמֵּז אוֹיף תְּפִלָּה, און אַזוֹי ווי פְרִיעֶר דֶערְמַאנְט אַז 'אִשָּׁה' אִיז מְרַמֵּז אוֹיף דִי 'מַלְכוּת', וָואס דָאס אִיז 'תְּפִלָּה'; דְּהַיְנוּ דָאס אִיז וָואס דֶער פָּסוּק זָאגְט, **הָשֵׁב אֵשֶׁת** בְּחִינַת הַתְּפִלָּה גֶעב צוּרִיק דִי תְּפִלָּה, לְהַצַּדִּיק פַארְן צַדִּיק.

שְׁטֵייט וַוייטֶער אִין פָּסוּק: **'כִּי נָבִיא הוּא'** [ווייל עֶר אִיז אַ נָבִיא], טַייטְשְׁט דֶער רֶבִּי טִיפֶער, **כִּי** ווייל דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (חֻלִּין ס:): **'הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מִתְאַוֶּה לִתְפִלָּתָן שֶׁל צַדִּיקִים'** דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט גְלוּסְטְן צוּ דִי תְּפִלּוֹת פוּן דִי צַדִּיקִים, **וּמְשַׁגֵּר תְּפִלָּה סְדוּרָה בְּפִיו** און דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט זֵיי הֶעלְפְן זֵיי זָאלְן קֶענֶען דַאוֶוענֶען ווי עֶס דַארְף צוּ זַיין, **כְּדֵי שֶׁיֵּהָנֶה מִתְּפִלָּתוֹ** כְּדֵי עֶר זָאל הָאבְּן אַ פַארְגֶענִיגְן פוּן זֵייעֶרֶע תְּפִלּוֹת, **וְזֶה** און דָאס אִיז מְרוּמָז אִין דִי וֶוערְטֶער פוּנֶעם פָּסוּק **'כִּי נָבִיא הוּא'** כִּי נָבִיא הוּא, **לְשׁוֹן** ווייל 'נָבִיא' אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן דַאוֶוענֶען, אַ לָשׁוֹן פוּן **נִיב שְׂפָתַיִם** רֵייד וָואס קוּמֶען פוּן דִי לִיפְּן, **כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה** אַזוֹי ווי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת לד:) אוֹיפְן פָּסוּק (יְשַׁעְיָה נז, יט): **'בּוֹרֵא נִיב שְׂפָתָיִם'**, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט אִיךְ בַּאשַׁאף נֵייעֶ רֵייד פַּאר דִי לִיפְּן; און פוּן דֶעם הָאט רֶבִּי חֲנִינָא בֶּן דּוֹסָא גֶעוואוּסְט פָּארְאוֹיס צוּ זָאגְן - וֶוען מֶען הָאט אִים גֶעבֶּעטְן עֶר זָאל מִתְפַּלֵּל זַיין פַאר אַ חוֹלֶה - אוֹיב דֶער חוֹלֶה וֶועט הָאבְּן אַ רְפוּאָה, עֶר הָאט גֶעזָאגְט: **'אִם שְׁגוּרָה תְּפִלָּתוֹ בְּפִיו וְכוּ''** אוֹיב מַיינֶע תְּפִלּוֹת זֶענֶען שְׁגוּרָה בְּפִי וֶועט דֶער

חוֹלֶה הָאבְּן אַ רְפוּאָה, אַזוֹי ווִי דֶער פָּסוּק פִּירְט אוֹיס 'אָמַר ה' וּרְפָאתִיו', אוּן אִיךְ וֶועל אִים הַיילְן; אוּן דָאס אִיז פְּשַׁט אִין דִי פָּסוּק, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט פַאר 'אֲבִימֶלֶךְ' - דֶער בַּעַל גַּאֲוָה וָואס זָאגְט מֶען דַארְף נִישְׁט גֵיין צוּ צַדִּיקִים, 'הָשֵׁב' גֶעבּ צוּרִיק, דִי זַאךְ פוּן תְּפִלָּה וָואס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן 'אֵשֶׁת הָאִישׁ', פַאר אַבְרָהָם אָבִינוּ פַארְן צַדִּיק 'כִּי נָבִיא הוּא', ווַייל בַּיי אִים אִיז שְׁגוּרָה תְּפִלָּתוֹ בְּפִיו.

**הָשֵׁב רָאשֵׁי־תֵבוֹת: הַר שָׂדֶה, בַּיִת; זֶה רֶמֶז שֶׁתְּפִלַּת הַצַּדִּיק הִיא בִּשְׁלֵמוּת, שֶׁמַּעֲלֶה אוֹתָהּ מִבְּחִינַת הַר וְשָׂדֶה לִבְחִינַת בַּיִת כַּנַּ"ל.**

וְזֶה הָשֵׁב, אוּן דָאס אַלֶעס אִיז מְרוּמָּז אִין דִי וָוארְט 'הָשֵׁב', דִי וָוארְט 'הָשֵׁב' אִיז דִי רָאשֵׁי תֵבוֹת פוּן הַר שָׂדֶה בַּיִת 'הַר' 'שָׂדֶה' אוּן 'בַּיִת', זֶה רֶמֶז דָאס אִיז מְרַמֵּז וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט פַאר 'אֲבִימֶלֶךְ', פַארְן בַּעַל גַּאֲוָה: 'הָ'שֵׁ'ב אֵשֶׁת הָאִישׁ', קֶער צוּרִיק דִי זַאךְ פוּן תְּפִלָּה צוּ אַבְרָהָם אָבִינוּ, צוּם צַדִּיק אֱמֶת וָואס עֶר בְּרֶענְגְט אַריין אִין מֶענְטְשְׁן נֶענְטֶער דִי זַאךְ פוּן תְּפִלָּה פוּן 'הַר' אוּן פוּן 'שָׂדֶה' - צוּ 'בַּיִת', 'כִּי נָבִיא הוּא' אוּן עֶר הָאט דִי זַאךְ פוּן 'נִיב שְׂפָתָיִם', עֶס אִיז בַּיי אִים 'שְׁגוּרָה תְּפִלָּתוֹ בְּפִיו', דִי מוֹיל הֶערְט נִישְׁט אוֹיף בֶּעטְן, זַיינֶע לִיפְּן שֶׁעפְּשֶׁען אַ גַאנְצֶע צַייט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, 'וְיִתְפַּלֵּל בַּעַדְךָ' אוּן עֶר וֶועט בֶּעטְן פַאר דִיר, שֶׁתְּפִלַּת הַצַּדִּיק הִיא בִּשְׁלֵמוּת ווַייל בַּיים צַדִּיק אִיז דָא שְׁלֵימוּת הַתְּפִלָּה, שֶׁמַּעֲלֶה אוֹתָהּ ווַייל עֶר טוּט דָאס אוֹיפְהֵייבְּן מִבְּחִינַת הַר וְשָׂדֶה פוּן 'הַר' אוּן 'שָׂדֶה' לִבְחִינַת בַּיִת צוּ 'בַּיִת', כַּנַּ"ל אַזוֹי ווִי אוֹיבְן אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט (אוֹת ג).

**אֲבָל אֵלּוּ הַבַּעֲלֵי־גַאֲוָה מְעַכְּבִים תַּאֲוָתוֹ שֶׁל הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וְאֵינָם מְבַקְשִׁים מִצַּדִּיקִים שֶׁיִּתְפַּלְּלוּ עֲלֵיהֶם, כִּי חוֹשְׁבִים שֶׁהִתְעַנּוּ וְסִגְּפוּ אֶת עַצְמָם, וּבָזֶה הֵם צַדִּיקִים; אֲבָל הָאֱמֶת אֵינוֹ כֵּן, כִּי כָּל הַתַּעֲנִיתִים שֶׁהִתְעַנּוּ, אֵין זֶה אֶלָּא כְּמוֹ שַׂק שֶׁיֵּשׁ בּוֹ חוֹרִים הַרְבֵּה, וּכְשֶׁמְּרִיקִים אֶת הַשַּׂק,**

**אֲבָל** אֵלּוּ הַבַּעֲלֵי גַּאֲוָה אָבֶער דִי בַּעֲלֵי גַּאֲוָה מְעַכְּבִים תַּאֲוָתוֹ שֶׁל הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ טוּעֶן צוּרִיק הַאלְטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנ'ס גְלוּסְטֶענִישׁ, וְאֵינָם מְבַקְשִׁים מִצַּדִּיקִים שֶׁיִּתְפַּלְּלוּ עֲלֵיהֶם זֵיי גֵייעֶן נִישְׁט צוּ צַדִּיקִים בֶּעטְן אַז זֵיי זָאלְן מִתְפַּלֵּל זַיין פַאר זֵיי, כִּי חוֹשְׁבִים ווַייל זֵיי הַאלְטְן שֶׁהִתְעַנּוּ ווִיבַּאלְד זֵיי הָאבְּן גֶעפַאסְט תַּעֲנִיתִים, וְסִגְּפוּ אֶת עַצְמָם אוּן זִיךְ גֶעפַּיינִיגְט, וּבָזֶה הֵם צַדִּיקִים מִיט דֶעם זֶענֶען זֵיי צַדִּיקִים [אִין כְּתַב יַד שְׁטֵייט נָאךְ אַ וָוארְט: 'בְּעֵינֵיהֶם' זֵיי הַאלְטְן זִיךְ אִין זֵייעֶרֶע אוֹיגְן אַז זֵיי זֶענֶען צַדִּיקִים], אֲבָל הָאֱמֶת אֵינוֹ כֵּן אָבֶער דֶער אֱמֶת אִיז נִישְׁט אַזוֹי, כִּי כָּל הַתַּעֲנִיתִים שֶׁהִתְעַנּוּ ווַייל אַלֶע תַּעֲנִיתִים וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעפַאסְט, אֵין זֶה אֶלָּא כְּמוֹ שַׂק שֶׁיֵּשׁ בּוֹ חוֹרִים הַרְבֵּה אִיז אַזוֹי ווִי אַ זַאק וָואס אִיז אָנְגֶעפִילְט מִיט שְׁמוּצִיגֶע זַאכְן אוּן אוֹיךְ הָאט דִי זַאק אַסַאךְ לֶעכֶער, וּכְשֶׁמְּרִיקִים אֶת הַשַּׂק אוּן וֶוען מֶען לֵיידִיגְט אוֹיס דִי זַאק פוּן דִי שְׁמוּץ, אַף עַל פִּי כֵן

נִשְׁאֲרוּ בּוֹ הַחוֹרִים בְּלַייבְּט נָאכְאַלְץ אִיבֶּער די לֶעכֶער; אַזוֹי אוֹיךְ די אַלֶע וָואס גֵייעֶן נִישְׁט צוּם צַדִּיק בְּלַייבְּן נָאר מִיט די תַּעֲנִיתִים און סִיגוּפִים וָואס דָאס אִיז בִּכְלַל נִישְׁט דֶער עִקָּר.

אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּעֲנִית טז.): 'אַחֵינוּ לֹא שַׂק וְתַעֲנִית גּוֹרְמִין' נִישְׁט דָאס פַּאסְטְן און דָאס אָנְטוּן אַ זַאק אִיז וָואס נֶעמְט אַוֶועק די שְׁלֶעכְטֶע גְּזֵירוֹת, 'אֶלָּא תְּשׁוּבָה וּמַעֲשִׂים טוֹבִים' נָאר אַז מֶען טוּט תְּשׁוּבָה און מֶען טוּט גוּטֶע מַעֲשִׂים – דָאס אִיז דֶער עִקָּר; און צוּ דֶעם קֶען מֶען נָאר זוֹכֶה זַיין דוּרְךְ מְקוֹרָב וֶוערְן צוּם צַדִּיק אֱמֶת, וָואס הָאט די כֹּחַ זִיךְ אַרָאפְּצוּלָאזְן אִין די נִידְרִיגְסְטֶע פְּלֶעצֶער און קֶען אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין די מֶענְטְשְׁן אַז זֵיי זָאלְן אוֹיךְ שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, און אַז מֶען הֵייבְּט אָן שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן הֵייבְּט מֶען אָן דַאוֶונֶען, עֶס עֶפְנְט זִיךְ אוֹיף די מוֹיל, מֶען הֵייבְּט אָן בֶּעטְן יֶעדֶע זַאךְ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**וְהַגּוּף נִקְרָא** שַׂק דֶער קֶערְפֶּער פוּנֶעם מֶענְטְשׁ וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן מִיטְן נָאמֶען 'שַׂק' זַאק, כְּמַאֲמַר הַתַּנָּא אַזוֹי ווִי דֶער תַּנָּא זָאגְט פַאר זַיין תַּלְמִיד: 'שִׁינְנָא' מַיין קְלוּגֶער תַּלְמִיד, 'שְׁרֵי שַׂקָּךְ' (שַׁבָּת קנב.) עֶפְן אוֹיף דַיין זַאק און הֵייבּ אָן עֶסְן, עֶר הָאט אִים גֶעלֶערְנְט עֶר זָאל עֶסְן צוּ דֶער זֶעט, אַזוֹי וֶועט עֶר הָאבְּן כֹּחַ צוּ לֶערְנֶען; זֶעט מֶען דָא אַז דֶער קֶערְפֶּער וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן אַ 'זַאק', וְאִם הִתְבּוֹנְנוּ בְּעַצְמָן און אוֹיבּ די בַּעֲלֵי גַּאֲוָה וָואס הַאלְטְן זִיךְ פַאר צַדִּיקִים וָואלְטְן אַרַיינְגֶעטְרַאכְט, הָיוּ רוֹאִים וָואלְטְן זֵיי גֶעזֶען אַחַר כָּל הַתַּעֲנִיתִים אַז אֲפִילוּ נָאכְן פַאסְטְן עֲדַיִן נִשְׁאֲרוּ אֶצְלָם אִיז נָאכְאַלְץ גֶעבְּלִיבְּן בַּיי זֵיי כָּל תַּאֲוֹתָם אַלֶע זֵייעֶרֶע שְׁלֶעכְטֶע גְלוּסְטֶענִישְׁן, קְשׁוּרִים בְּשַׂקָּם פַארְבִּינְדְן אִינֶעם 'זַאק', הַיְנוּ בְּגוּפָם דָאס מֵיינְט מֶען אִין זֵייעֶר קֶערְפֶּער, וְלֹא תַּאֲוֹתָם בִּלְבַד נִשְׁאַר קָשׁוּר בְּגוּפָם און נִישְׁט נָאר זֵייעֶרֶע אֵייגֶענֶע שְׁלֶעכְטֶע גְלוּסְטֶענִישְׁן אִיז גֶעבְּלִיבְּן אִין זֵיי, כִּי אִם גַּם תַּאֲוַת אֲבִיהֶם נָאר אוֹיךְ די שְׁלֶעכְטֶע גְלוּסְטֶענִישׁ פוּן זֵייעֶר טַאטֶע, שֶׁיֵּשׁ אֶצְלָם מִשְּׁעַת הַהוֹלָדָה וָואס אִיז דָא אִין זֵיי פוּנֶעם גֶעבּוֹירְן וֶוערְן, מֵחֲמַת שֶׁלֹּא נִתְקַדֵּשׁ אָבִיו בִּשְׁעַת זִוּוּג פוּן דֶעם וָואס דֶער טַאטֶע הָאט זִיךְ נִישְׁט אַזוֹי גֶעהֵיילִיגְט בַּיים אַרָאפְּבְּרֶענְגֶען זַיין נְשָׁמָה, גַּם זֶה קָשׁוּר בְּגוּפָם עֲדַיִן דָאס אִיז נָאךְ אוֹיךְ גֶעבְּלִיבְּן אִין זֵיי, וּבְוַדַּאי אִלּוּ הָיוּ רוֹאִים אֶת כָּל זֶה און עֶס אִיז זִיכֶער אַז וֶוען זֵיי וָואלְטְן דָאס גֶעזֶען און גֶעשְׁפִּירְט – חֲרָדָה גְּדוֹלָה הָיָה

**אַף־עַל־פִּי־כֵן נִשְׁאֲרוּ בּוֹ הַחוֹרִים. וְהַגּוּף נִקְרָא שַׂק, כְּמַאֲמַר הַתַּנָּא: שִׁינְנָא, שְׁרֵי שַׂקָּךְ (שַׁבָּת קנב.). וְאִם הִתְבּוֹנְנוּ בְּעַצְמָן הָיוּ רוֹאִים, אַחַר כָּל הַתַּעֲנִיתִים עֲדַיִן נִשְׁאֲרוּ אֶצְלָם כָּל תַּאֲוֹתָם קְשׁוּרִים בְּשַׂקָּם, הַיְנוּ בְּגוּפָם; וְלֹא תַּאֲוֹתָם בִּלְבַד נִשְׁאַר קָשׁוּר בְּגוּפָם, כִּי אִם גַּם תַּאֲוַת אֲבִיהֶם שֶׁיֵּשׁ אֶצְלָם מִשְּׁעַת הַהוֹלָדָה, מֵחֲמַת שֶׁלֹּא נִתְקַדֵּשׁ אָבִיו בִּשְׁעַת זִוּוּג, גַּם זֶה קָשׁוּר בְּגוּפָם עֲדַיִן. וּבְוַדַּאי אִלּוּ הָיוּ רוֹאִים אֶת כָּל זֶה,**

נוֹפֵל עֲלֵיהֶם וָואלט אוֹיף זֵיי גֶעפַאלְן אַ גְרוֹיסֶע צִיטֶער, כִּי הָיוּ רוֹאִים וַוייל זֵיי וָואלְטְן גֶעזֶען אֵיךְ הֵם עוֹמְדִים וְוִי זֵיי שְׁטֵייעֶן נָאךְ, בְּמַדְרֵגָה פְּחוּתָה וּשְׁפָלָה אִין אַ נִידְרִיגֶע קְלֵיינֶע מַדְרֵגָה.

**חֲרָדָה גְּדוֹלָה הָיָה נוֹפֵל עֲלֵיהֶם, כִּי הָיוּ רוֹאִים אֵיךְ הֵם עוֹמְדִים בְּמַדְרֵגָה פְּחוּתָה וּשְׁפָלָה.**

**וְזֶה** פֵּרוּשׁ (בְּרֵאשִׁית מב): וַיְהִי הֵם מְרִיקִים שַׂקֵּיהֶם וְהִנֵּה אִישׁ צְרוֹר כַּסְפּוֹ בְּשַׂקּוֹ — אַחַר כָּל הַתַּעֲנִיתִים, שֶׁהוּא הֲרָקַת הַשַּׂק, בְּחִינַת הַגּוּף, עֲדַיִן — וְהִנֵּה אִישׁ צְרוֹר כַּסְפּוֹ — שֶׁקָּשׁוּר וְצָרוּר כַּסְפּוֹ וְתַאֲוָתוֹ בְּשַׂקּוֹ וְגוּפוֹ; וַיִּרְאוּ אֶת צְרֹרוֹת כַּסְפֵּיהֶם הֵמָּה וַאֲבִיהֶם — הַיְנוּ, לֹא דַי צְרוֹרוֹת כַּסְפֵּיהֶם, שֶׁהוּא תַּאֲווֹת עַצְמָן, כִּי אִם גַּם הֵמָּה וַאֲבִיהֶם, הַיְנוּ הַתַּאֲווֹת שֶׁל אֲבִיהֶם, גַּם הֵמָּה לֹא נָפְלוּ

**יֶעצְט** גֵייט דֶער רֶבִּי דָאס אַלֶעס אַרַיינְטַייטְשְׁן אִין דִי פַּרְשָׁה פוּן מְכִירַת יוֹסֵף. דִי שְׁבָטִים הָאבְּן זִיךְ נִישְׁט גֶעוָואלְט מַכְנִיעַ זַיין פַאר יוֹסֵף וָואס עֶר אִיז דֶער צַדִּיק אֱמֶת, וֶוען עֶר הָאט זֵיי גֶע'מוֹסָר'ט לְשֵׁם שָׁמַיִם, זֵיי הָאבְּן גֶעקְרִיגְט אוֹיף אִים אוּן אִים גֶעזָאגְט (בְּרֵאשִׁית לז, ח): 'הֲמָלֹךְ תִּמְלֹךְ עָלֵינוּ אִם מָשׁוֹל תִּמְשֹׁל בָּנוּ' וָואס עֶפֶּעס זָאלְסְטוּ זַיין קֶענִיג? מִיר ווִילְן אַלֵיינְס קֶענִיגְן אוּן גֶעוָועלְטִיגְן.

**וְזֶה** פֵּרוּשׁ אִין דָאס אִיז פְּשַׁט וָואס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק וֶוען דִי שְׁבָטִים זֶענֶען אַהֵיים גֶעפָארְן פוּן מִצְרַיִם קַיין לַאנְד כְּנַעַן, (בְּרֵאשִׁית מב, לה): 'וַיְהִי הֵם מְרִיקִים שַׂקֵּיהֶם' אוּן עֶס אִיז גֶעוֶוען וְוִי נָאר זֵיי הָאבְּן אוֹיסְגֶעלֵיידִיגְט זֵייעֶרֶע זֶעק, 'וְהִנֵּה' אוּן אָט, 'אִישׁ' בַּיי יֶעדְן בַּאזוּנְדֶער הָאט מֶען גֶעטְרָאפְן, אַז 'צְרוֹר כַּסְפּוֹ בְּשַׂקּוֹ' זַיין בִּינְטְל גֶעלְט אִיז נָאכְאַלְץ אִין זַיין זַאק; טַייטְשְׁט דֶער רֶבִּי מֶער טִיפֶער, אַחַר כָּל הַתַּעֲנִיתִים אַז נָאכְן פַאסְטְן אַזוֹיפִיל תַּעֲנִיתִים, שֶׁהוּא הֲרָקַת הַשַּׂק וָואס דָאס אִיז אַזוֹי וְוִי מֶען לֵיידִיגְט אוֹיס דֶעם זַאק, בְּחִינַת הַגּוּף דָאס מֵיינְט מֶען דֶעם קֶערְפֶּער, עֲדַיִן נָאכְאַלְץ – 'וְהִנֵּה אִישׁ צְרוֹר כַּסְפּוֹ', דָאס מֵיינְט מֶען שֶׁקָּשׁוּר וְצָרוּר עֶס אִיז נָאכְאַלְץ גֶעבְּלִיבְּן צוּגֶעבִּינְדְן אוּן צוּגֶעקְנִיפְּט, כַּסְפּוֹ וְתַאֲוָתוֹ דִי שְׁלֶעכְטֶע גְלוּסְטֶענִישׁ, בְּשַׂקּוֹ וְגוּפוֹ אִין זַיין זַאק, דָאס מֵיינְט מֶען זַיין קֶערְפֶּער, ['כֶּסֶף' אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן 'כִּסּוּפִים' גְלוּסְטֶענִישׁ, אוֹיךְ אִיז 'כֶּסֶף' מְרַמֵּז אוֹיף תַּאֲווֹת וַוייל אִין 'תַּאֲוַת מָמוֹן' לִיגְן אַלֶע תַּאֲווֹת, אוּן דִי שְׁבָטִים הָאבְּן פַארְקוֹיפְט יוֹסֵף פַאר צְוָואנְצִיג שְׁקָלִים], שְׁטֵייט וַוייטֶער 'וַיִּרְאוּ אֶת צְרֹרוֹת כַּסְפֵּיהֶם' אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעזֶען דִי בִּינְטְלֶעךְ פוּן זֵייעֶר גֶעלְט, 'הֵמָּה וַאֲבִיהֶם' זֵיי אוּן זֵייעֶר פָאטֶער, טַייטְשְׁט דֶער רֶבִּי הַיְנוּ דָאס מֵיינְט, לֹא דַי נִישְׁט נָאר 'צְרוֹרוֹת כַּסְפֵּיהֶם' עֶס אִיז פַארְקְנִיפְּט אִין זֵיי זֵייעֶר גְלוּסְטֶענִישׁ, שֶׁהוּא תַּאֲווֹת עַצְמָן זֵייעֶרֶע אֵייגֶענֶע שְׁלֶעכְטְס, כִּי אִם גַּם נָאר אוֹיךְ, 'הֵמָּה וַאֲבִיהֶם' זֵייעֶר אוּן זֵייעֶר טַאטֶע'ס, הַיְנוּ דָאס מֵיינְט, הַתַּאֲווֹת שֶׁל אֲבִיהֶם דִי שְׁלֶעכְטֶע גְלוּסְטֶענִישְׁן פוּן זֵייעֶרֶע

עֶלְטֶערן, גַּם הֵמָּה לֹא נָפְלוּ מֵהֶם דָאס אִיז נָאךְ אוֹיךְ גֶעבְּלִיבְּן בַּיי זֵיי. [לִכְאוֹרָה ווִי אִיז שַׁיָּיךְ צוּ זָאגְן אוֹיף יַעֲקֹב אָבִינוּ אַזַא זַאךְ? נָאר קֶען זַיין עַל פִּי וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ (וַיֵּצֵא קנה:) 'בְּרָחֵל הִרְהֵר וְאִתְדַּבַּק רְעוּתָא, בְּרָחֵל אִתְדַּבַּק, וְכוּ', יַעֲקֹב הָאט גֶעמֵיינְט אַז עֶר הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט מִיט רָחֵל; דָאס אִיז בְּדֶרֶךְ אֶפְשָׁר]. וְזֶהוּ אוּן דָאס אִיז פְּשַׁט 'וַיִּירְאוּ' אוּן זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶעפָּארְכְט, כִּי חֲרָדָה נָפְלָה עֲלֵיהֶם ווַייל עֶס אִיז גֶעפַאלְן אוֹיף זֵיי אַ צִיטֶער, וַאֲזַי לֹא הָיוּ רוֹצִים לְהִשְׁתָּרֵר וְלִמְלֹךְ הָאבְּן זֵיי שׁוֹין מֶער נִישְׁט גֶעוָואלְט גֶעוֶועלְטִיגְן; ווַייל אַז נָאכְן תְּשׁוּבָה טוּן אוּן נָאכְן פַאסְטְן אוּן חֲרָטָה הָאבְּן פַארְן קְרִיגְן אוֹיפְן צַדִּיק אֱמֶת, אוּן אִים פַארְקוֹיפְן פַאר אַ קְנֶעכְט - הָאבְּן זֵיי נָאכְאַלְץ גֶעטְרַאכְטְן אִין זִיךְ דִי מִידּוֹת אוּן תַּאֲווֹת רָעוֹת פוּן זֵיי אוּן פוּן זֵייעֶר טַאטְן, אוּן בִּפְרַט אַז זֵיי הָאבְּן גֶעזֶען אַז יַעֲקֹב אָבִינוּ ווִיל יָא אַז יוֹסֵף זָאל זַיין קֶענִיג אוּן מֶען זָאל זִיךְ מַכְנִיעַ זַיין אוּנְטֶער אִים, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (בְּרֵאשִׁית לז, יא): 'וְאָבִיו שָׁמַר אֶת הַדָּבָר' דֶער טַאטֶע יַעֲקֹב הָאט שְׁטִילֶערְהֵייט גֶעוַוארְט 'וֶוען וֶועט מְקוּיָּם וֶוערְן דִי חֲלוֹם אַז יוֹסֵף וֶועט קֶענִיגְן אוֹיף דִי בְּרִידֶער אוּן דִי צַדִּיקִים וֶועלְן זִיךְ אוּנְטֶערְבְּרֵייגְן אוּנְטֶער דֶעם

**מֵהֶם. וְזֶהוּ: וַיִּירְאוּ — כִּי חֲרָדָה נָפְלָה עֲלֵיהֶם, וַאֲזַי לֹא הָיוּ רוֹצִים לְהִשְׁתָּרֵר וְלִמְלֹךְ:**

**וְזֶה פֵּרוּשׁ: וַיֹּאמֶר לָהֶם יַעֲקֹב אֲבִיהֶם אֹתִי שִׁכַּלְתֶּם, יוֹסֵף אֵינֶנּוּ וְכוּ' — זֶה רֶמֶז עַל תּוֹכַחַת הַשֵּׂכֶל, כִּי הַשֵּׂכֶל מוֹכִיחַ אֶת הַבַּעֲלֵי-גַּאֲוָה הָרוֹצִים לְהִתְגַּדֵּל. כִּי יַעֲקֹב הוּא בְּחִינַת הַשֵּׂכֶל, כְּמוֹ שֶׁתִּרְגֵּם אוּנְקְלוֹס** (בְּרֵאשִׁית כז): **"וַיַּעְקְבֵנִי" — 'וְחַכְּמַנִי'. וְזֶה: אֲבִיהֶם, כִּי**

צַדִּיק אֱמֶת', דֶערְפַאר הָאבְּן זֵיי זִיךְ פַארְשֶׁעמְט.

**וְזֶה פֵּרוּשׁ** אוּן דָאס אִיז מְרוּמָּז אִין פָּסוּק (שָׁם, לו): **'וַיֹּאמֶר לָהֶם יַעֲקֹב אֲבִיהֶם'** יַעֲקֹב הָאט זֵיי גֶעזָאגְט: **'אֹתִי שִׁכַּלְתֶּם'** מִיךְ הָאט עֶטְץ פַארְוָואגְלְט, **'יוֹסֵף אֵינֶנּוּ'** יוֹסֵף אִיז נִישְׁטָא, **וְכוּ'** ['וְשִׁמְעוֹן אֵינֶנּוּ' אוּן שִׁמְעוֹן אִיז נִישְׁטָא, 'וְאֶת בִּנְיָמִן תִּקָּחוּ' אוּן בִּנְיָמִין ווִילְט עֶטְץ נֶעמֶען, 'עָלַי הָיוּ כֻלָּנָה' אוֹיף מִיר זֶענֶען גֶעקוּמֶען דִי אַלֶע צָרוֹת], טַייטְשְׁט דֶער רֶבִּי מֶער טִיפֶער, **זֶה רֶמֶז** דָא אִין פָּסוּק אִיז מְרוּמָּז **עַל תּוֹכַחַת הַשֵּׂכֶל** דִי מוּסָר וָואס דִי שֵׂכֶל גֶעבְּט; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט גֵייט אַרַיין אִין אִים אַ רוּחַ שְׁטוּת (סוֹטָה ג:), אוּן אַז עֶר טוּט תְּשׁוּבָה הֵייבְּט אָן בַּיי אִים צוּ שַׁיינֶען זַיין שֵׂכֶל, דִי שֵׂכֶל מוּסָר'ט אִים אוּן ווַייזְט אִים וָואס אִיז דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג זִיךְ צוּ פִירְן, **כִּי הַשֵּׂכֶל מוֹכִיחַ אֶת הַבַּעֲלֵי גַּאֲוָה הָרוֹצִים לְהִתְגַּדֵּל** דִי שֵׂכֶל מוּסָר'ט דִי בַּעֲלֵי גַּאֲוָה וָואס ווִילְן זִיךְ גְרוֹיס הַאלְטְן, **כִּי יַעֲקֹב** ווַייל יַעֲקֹב **הוּא בְּחִינַת הַשֵּׂכֶל** מֵיינְט מֶען דִי שֵׂכֶל, **כְּמוֹ שֶׁתִּרְגֵּם אוּנְקְלוֹס** אַזוֹי ווִי דֶער תַּרְגּוּם זָאגְט אוֹיפְן פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית כז, לו): **'וַיַּעְקְבֵנִי'** וֶוען עֵשָׂו הָאט גֶעזָאגְט אַז יַעֲקֹב הָאט אִים צְוֵויי מָאל אוֹיסְגֶעפָּאפְּט, זָאגְט דֶער תַּרְגּוּם **'וְחַכְּמַנִי'** אוּן עֶר הָאט מִיךְ אִיבֶּערְגֶעקְלוּגְט, זֶעט

**אָב בְּחָכְמָה. וְהַיְנוּ שֶׁהַשֵּׂכֶל מוֹכִיחָם וְאוֹמֵר לָהֶם: אוֹתִי שִׁכַּלְתֶּם, כִּי 'כָּל הַמִּתְגָּאֶה — חָכְמָתוֹ מִסְתַּלֶּקֶת מִמֶּנּוּ'** (פְּסָחִים סו:)**. יוֹסֵף אֵינֶנּוּ — זֶה בְּחִינַת תִּקּוּן הַמְּעֻוָּת, הַיְנוּ עֲדַיִן לֹא תִּקַּנְתֶּם הַמְעֻוָּת שֶׁהוּא לְחֶרְפָּה וּלְקָלוֹן, וְיֵשׁ לָכֶם לְהִתְבַּיֵּשׁ מֵחֲמָתוֹ, כִּי תִּקּוּן הַמְּעֻוָּת הוּא בְּחִינַת יוֹסֵף, עַל שֵׁם** (בְּרֵאשִׁית ל:) **"אָסַף אֱלֹקִים אֶת חֶרְפָּתִי".**

**וְשִׁמְעוֹן אֵינֶנּוּ — הַיְנוּ, עַל־יְדֵי שֶׁאֵין לְךָ בְּחִינַת יוֹסֵף, אֵין לְךָ בְּחִינוֹת שִׁמְעוֹן; וְשִׁמְעוֹן הוּא בְּחִינַת** (שָׁם כ"ט:) **"כִּי שָׁמַע ה' כִּי שְׂנוּאָה אָנֹכִי",**

מֶען אַז דִי וָוארְט 'יַעֲקֹב' אִיז טַייטְשׁ 'קְלוּג', וְזֶה אוּן אוֹיךְ דִי וָוארְט 'אֲבִיהֶם' מֵיינְט חָכְמָה אוּן שֵׂכֶל, כִּי אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (מְגִילָּה יג.) אוֹיף דִי וָוארְט 'אַבִי' - אָב בְּחָכְמָה אַ טַאטֶע אִין חָכְמָה, דָאס מֵיינְט מֶען זַייעֶר קְלוּג. וְהַיְנוּ אוּן דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק 'וַיֹּאמֶר לָהֶם יַעֲקֹב אֲבִיהֶם', שֶׁהַשֵּׂכֶל מוֹכִיחָם וְאוֹמֵר לָהֶם זַייעֶר שֵׂכֶל זָאגְט זֵיי מוּסָר: 'אוֹתִי שִׁכַּלְתֶּם' מִיךְ הָאט עֶטְץ פַארְלוֹירְן, כִּי וַוייל דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן: 'כָּל הַמִּתְגָּאֶה' יֶעדֶער וָואס הָאלְט זִיךְ גְרוֹיס - 'חָכְמָתוֹ מִסְתַּלֶּקֶת מִמֶּנּוּ' פַארְלִירְט זַיין שֵׂכֶל (פְּסָחִים סו:). אוּן אַז מֶען הָאט נִישְׁט קֵיין שֵׂכֶל, שְׁטֵייט וַוייטֶער - 'יוֹסֵף אֵינֶנּוּ' יוֹסֵף אִיז נִישְׁטָא מֶער, זֶה בְּחִינַת דָאס מֵיינְט מֶען תִּקּוּן הַמְעֻוָּת זִיךְ מִשְׁפָּטְ'ן אוּן שְׁטֶענְדִיג תְּשׁוּבָה טוּן, אוּן פַארְרֶעכְטְן דָאס שְׁלֶעכְטְס, וָואס דָאס אִיז גֶעוֶוען דִי עֲבוֹדָה פוּן יוֹסֵף הַצַּדִּיק, עֶר הָאט שְׁטֶענְדִיג תְּשׁוּבָה גֶעטוּן, הַיְנוּ דָאס מֵיינְט מֶען, עֲדַיִן לֹא תִּקַּנְתֶּם הַמְעֻוָּת אִיר הָאט נָאכְנִישְׁט פַארְרָאכְטְן דָאס שְׁלֶעכְטְס, שֶׁהוּא לְחֶרְפָּה וּלְקָלוֹן וָואס דָאס אִיז פַאר עֶנְק אַ שַׁאנְדֶע אוּן אַ פַארְשֶׁעמוּנְג, וְיֵשׁ לָכֶם לְהִתְבַּיֵּשׁ מֵחֲמָתוֹ אוּן עֶנְק דַארְפְן זִיךְ זַייעֶר שֶׁעמֶען פוּן דֶעם; דֶער רֶבִּי בְּרֶענְגְט אַ רַאְיָ' כִּי תִּקּוּן הַמְעֻוָּת הוּא בְּחִינַת יוֹסֵף אַז 'יוֹסֵף' אִיז מְרַמֵּז אוֹיף 'תְּשׁוּבָה', עַל שֵׁם אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק, רָחֵל הָאט אַ נָאמֶען גֶעגֶעבְן פַאר אִיר קִינְד יוֹסֵף, זָאגְנְדִיג (בְּרֵאשִׁית ל, כג): 'אָסַף אֱלֹקִים אֶת חֶרְפָּתִי' דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט פַארְדֶעקְט מַיין שַׁאנְד, אוּן וֶוען מֶען טוּט תְּשׁוּבָה נֶעמְט מֶען אָוֶועק דִי שַׁאנְדֶע אוּן פַארְשֶׁעמוּנְג; אָבֶּער אַז מֶען הָאלְט זִיךְ גְרוֹיס פַארְלִירְט מֶען דִי שֵׂכֶל, קֶען מֶען נִישְׁט זוֹכֶה זַיין צוּ תְּשׁוּבָה.

טַייטְשְׁט דֶער רֶבִּי וַוייטֶער: 'וְשִׁמְעוֹן אֵינֶנּוּ' [אוּן שִׁמְעוֹן אִיז נִישְׁטָא], הַיְנוּ דָאס אִיז מְרַמֵּז, עַל יְדֵי שֶׁאֵין לְךָ בְּחִינַת יוֹסֵף אַז דוּ הָאסְט נִישְׁט דִי זַאךְ פוּן יוֹסֵף, פַארְרֶעכְטְן דָאס שְׁלֶעכְטְס - אֵין לְךָ בְּחִינוֹת שִׁמְעוֹן הָאסְטוּ נִישְׁט דִי זַאךְ פוּן שִׁמְעוֹן, וְשִׁמְעוֹן הוּא אוּן שִׁמְעוֹן אִיז מְרַמֵּז בְּחִינַת אוֹיף וָואס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק, לֵאָה הָאט אַ נָאמֶען גֶעגֶעבְן שִׁמְעוֹן פַאר אִיר צְוֵוייטֶע קִינְד, זִי הָאט גֶעזָאגְט (שָׁם כ"ט, לג): 'כִּי שָׁמַע ה'' וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֶערְט, 'כִּי שְׂנוּאָה אָנֹכִי' אַז אִיךְ בִּין אַ פַארְפַיינְטֶע; זָאגְט דֶער רֶבִּי, אַז דוּ הָאסְט

**כִּי אַתָּה אֵינְךָ שָׂנוּא, כִּי מֵחֲמַת שֶׁלֹּא תִקַּנְתָּ אֶת עַצְמְךָ, בְּוַדַּאי אֵינְךָ יָכוֹל לְהוֹכִיחַ אֲחֵרִים, כִּי יֹאמְרוּ לְךָ קְשֹׁט עַצְמְךָ תְּחִלָּה וְכוּ׳; וְעַל כֵּן אֵינְךָ שָׂנוּא, כִּי הַמּוֹכִיחַ הוּא שָׂנוּא, כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ חֲכָמֵינוּ, זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה** (כְּתֻבּוֹת קה:)**: ׳הַאי צוּרְבָא מֵרַבָּנָן דִּמְרַחֲמֵי לֵהּ בְּנֵי מָתָא, לָאו מִשּׁוּם דְּמַעֲלֵי טְפֵי, אֶלָּא מִשּׁוּם דְּלָא מוֹכַח לְהוּ בְּמִלֵּי דִשְׁמַיָּא׳; נִמְצָא שֶׁהַמּוֹכִיחַ הוּא שָׂנוּא.**

נִישְׁט די זַאךְ פון ׳יוֹסֵף׳ פון פַארְרֶעכְטְן די נִישְׁט גוּטֶע מַעֲשִׂים, הָאסְטוּ נִישְׁט די זַאךְ פון ׳שִׁמְעוֹן׳, **כִּי אַתָּה אֵינְךָ שָׂנוּא** וַוייל דו בִּיסְט נִישְׁט פַארְהַאסְט, **כִּי מֵחֲמַת שֶׁלֹּא תְּקַנְתָּ אֶת עַצְמְךָ** וַוייל וִויבַּאלְד דו הָאסְט זיךְ נִישְׁט אַלֵיינְס פַארְרָאכְטְן, **בְּוַדַּאי אֵינְךָ יָכוֹל לְהוֹכִיחַ אֲחֵרִים** קֶענְסְטוּ זִיכֶער נִישְׁט מוּסָר זָאגְן פַאר אַ צְוֵוייטְן, וַוייל אַז דו וֶועסְט אָנְהֵייבְּן זָאגְן מוּסָר פַאר אַנְדֶערֶע, **כִּי יֹאמְרוּ לְךָ** וֶועט מֶען דיר זָאגְן וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בָּבָא מְצִיעָא קז:): ׳**קְשֹׁט עַצְמְךָ תְּחִלָּה**׳ פַארְרֶעכְט זיךְ עֶרְשְׁט אַלֵיינְס, **וְכוּ׳** אֵיידֶער דו פַארְרֶעכְסְט אַ צְוֵוייטְן, **וְעַל כֵּן** אוּן אַז מֶען זָאגְט נִישְׁט קֵיין מוּסָר - **אֵינְךָ שָׂנוּא** איז מֶען נִישְׁט פַארְפַיינְטֶעט, **כִּי הַמּוֹכִיחַ הוּא שָׂנוּא** וַוייל דֶער וָואס זָאגְט מוּסָר איז פַארְפַיינְטֶעט, **כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה** אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (כְּתֻבּוֹת קה:): ׳**הַאי צוּרְבָא מֵרַבָּנָן**׳ דֶער יוּנְגֶער תַּלְמִיד חָכָם, ׳**דִּמְרַחֲמֵי לֵהּ בְּנֵי מָתָא**׳ וָואס די שְׁטָאט לַייט הָאבְּן אִים לִיבּ, ׳**לָאו מִשּׁוּם דְּמַעֲלֵי טְפֵי**׳ איז דָאס נִישְׁט צוּלִיבּ וָואס עֶר איז מֶער ווִי אַנְדֶערֶע, ׳**אֶלָּא**׳ נָאר מֶען הָאט אִים לִיבּ - ׳**מִשּׁוּם דְּלָא מוֹכַח לְהוּ בְּמִלֵּי דִּשְׁמַיָּא**׳ וַוייל עֶר זָאגְט זֵיי נִישְׁט קֵיין מוּסָר זִיךְ צוּ פִירְן עֶרְלִיךְ; **נִמְצָא** זֶעט מֶען פון דֶעם **שֶׁהַמּוֹכִיחַ הוּא שָׂנוּא** אַז דֶער וָואס זָאגְט מוּסָר איז פַארְפַיינְטֶעט; קוּמְט אוֹיס אַז דֶער בַּעַל גַּאֲוָה וָואס פַארְלִירְט זַיין שֵׂכֶל, טוּט נִישְׁט קֵיין תְּשׁוּבָה, אוּן אַז מֶען טוּט נִישְׁט קֵיין תְּשׁוּבָה קֶען מֶען נִישְׁט יֶענֶעם פַארְרֶעכְטְן.

**וְאֶת בִּנְיָמִין תִּקָּחוּ — זֶה מוֹרֶה עַל גַּדְלוּת, כִּי פֵּרֵשׁ רַשִׁ״י: בִּנְיָמִין, עַל שֵׁם אֶרֶץ־יִשְׂרָאֵל, בֶּן יָמִין, וְאֶרֶץ־יִשְׂרָאֵל הוּא גָּבוֹהַּ מִכָּל הָאֲרָצוֹת** (זְבָחִים נד:)**.**

**שְׁטֵייט** וַוייטֶער אין פָּסוּק: ׳**וְאֶת בִּנְיָמִין תִּקָּחוּ**׳ [אוּן בִּנְיָמִין ווִילְט עֶטְץ נֶעמֶען?], טַייטְשְׁט דֶער רֶבִּי אַזוֹי, **זֶה מוֹרֶה עַל גַּדְלוּת** בִּנְיָמִין וַוייזְט אוֹיף גְרוֹיסְקֵייט; **כִּי פֵּרֵשׁ רַשִׁ״י** וַוייל רַשִׁ״י זָאגְט (בְּרֵאשִׁית לה, יח), ׳**בִּנְיָמִין**׳ פַארְוָואס הָאט יַעֲקֹב אַ נָאמֶען גֶעגֶעבְּן ׳בִּנְיָמִין׳? ׳**עַל שֵׁם אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל**׳ וַוייל בִּנְיָמִין איז מְרַמֵּז אוֹיף אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, ׳**בֶּן יָמִין**׳ בִּנְיָמִין איז די אוֹתִיּוֹת ׳בֶּן יָמִין׳, אוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל איז אוֹיף די רֶעכְטֶע זַייט [יְמִין]; [וֶוען אַ מֶענְטְשׁ קוּמְט פון אֲרַם נַהֲרַיִם, איז אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אוֹיף דָּרוֹם זַייט, אוֹיף די רֶעכְטֶע זַייט]. **וְ׳אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל הוּא גָּבוֹהַּ מִכָּל הָאֲרָצוֹת**׳ אוּן חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן

**והינו, לא די שאין לכם כל הבחינות הללו, עם כל זה — ואת בנימין תקחו, שאתם לוקחים לעצמכם גדלות. והינו דסים השכל המוכיח אותם: עלי היו כלנה — כי הכל נופל עלי, כי כל המתגאה — חכמתו מסתלקת ממנו:**

**ה והעצה היעוצה לבטל** (ה) **הגאוה, שהיא העבודה זרה, כמו שכתוב** (משלי ט"ז): **"תועבת ה' כל גבה לב"** (כמו שדרשו רבותינו, זכרונם לברכה סוטה ד:), **העקר הוא על-ידי התקרבות לצדיקים, כמובא**

דאך אז ארץ ישראל איז העכער פון אלע לענדער (זבחים נד:). זעט מען אז בנימין ווייזט אויף גרויס און הויך, והינו טייטשט דער רבי, **לא** די שאין לכם כל הבחינות הללו נישט נאר דו האסט נישט די אלע הייליגע זאכן; נישט די זאך פון יוסף, און נישט די זאך פון שמעון, **עם כל זה** מיט דעם אלעם - **'ואת בנימין תקחו'** ווילן ענק נעמען בנימין? דאס מיינט מען **שאתם לוקחים לעצמכם גדלות** ענק ווילן זיך נעמען גדלות? **והינו** טייטשט דער רבי ווייטער, **דסים השכל המוכיח אותם** די שכל וואס מוסר'ט זיי, ענדיגט צו און באקלאגט זיך: **'עלי היו כלנה'** [אויף מיר פאלט ארויף אלע צרות, און איך לייד דערפון], **כי הכל נופל עלי** אלעס פאלט אויף מיר, איך לייד דאס מערסטע, ווייל חכמינו זכרונם לברכה זאגן, **כי 'כל המתגאה'** אז דער וואס גרויסט זיך - **'חכמתו מסתלקת ממנו'** ווערט פון אים אוועק גענומען זיין חכמה; קומט אויס אז די שכל און חכמה איז דאס וואס האט שאדן דערפון.

**ה והעצה היעוצה לבטל הגאוה** די איינציגסטע עצה אויסצורייסן פון זיך די גאוה, [עס איז דא א גירסא והעצה היעוצה 'לבעל הגאוה'] **שהיא העבודה זרה** וואס איז ממש אזוי ווי עבודה זרה; וואו זעען מיר אז גאוה איז אזוי געפערליך ווי עבודה זרה? **כמו שכתוב** ווייל עס שטייט אין פסוק (משלי ט"ז, ה): **'תועבת ה''** ביים אייבערשטן איז פאר'מיאוס'ט, **'כל גבה לב'** יעדער וואס גרויסט זיך אין הארץ; זעען מיר אז א בעל גאוה ווערט אנגערופן תועבה, (**כמו שדרשו** רבותינו זכרונם לברכה און די הייליגע חכמים דרש'נען אויף דעם פסוק, סוטה ד: 'כל אדם שיש בו גסות הרוח', יעדער וואס האלט זיך גרויס, 'כאילו עובד עבודה זרה', איז דאס אזוי ווי ער דינט עבודה זרה, וואס ביי עבודה זרה שטייט (דברים ז, כו): 'ולא תביא תועבה' וגו', עיין שם) **העקר הוא** די איינציגסטע וועג דאס אויסצורייסן פון זיך - איז **על ידי התקרבות לצדיקים** דורך קומען צום צדיק; ווען דער מענטש קומט צום צדיק הייבט ער אן צו שפירן דעם אייבערשטן, דער צדיק ברענגט אריין אין אים די באגריף פון תפלה - בבחינת 'בית', ער לערנט אים אויס ער זאל מאכן פון זיין שטוב - תפלה, יעדע זאך וואס ער דארף און יעדע זאך

בַּתִּקּוּנִים (תִּקּוּן כא מ"ח:): 'בִּתְרוּעָה דְּאִיהוּ רוּחָא, אִתְעֲבִיר אֵל אַחֵר'; וְצַדִּיק הוּא בְּחִינַת רוּחָא, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (בְּמִדְבַּר כ"ז): "אִישׁ אֲשֶׁר רוּחַ בּוֹ", וְעַל-יָדוֹ נִכְנָע רוּחַ גָּבֹהַּ, אֵל אַחֵר, וְנַעֲשֶׂה מֵאַחֵר, אֶחָד, כִּי הוּא קוֹצָא דְּאוֹת ד' (תִּקּוּן כא נ"ה:), שֶׁמִּמֶּנּוּ אַרְבַּע רוּחוֹת, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (יְחֶזְקֵאל ל"ז): "כֹּה אָמַר ה' מֵאַרְבַּע רוּחוֹת בֹּאִי הָרוּחַ".

וָואס עֶס גייט אַריבֶּער אויף אִים - זָאל עֶר בֶּעטְן דֶעם אײבֶּערְשְׁטְן. כַּמּוּבָא בַּתִּקּוּנִים אַזוֹי וִוי עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין סֵפֶר תִּקּוּנֵי זוֹהַר (תִּקּוּן כא דַּף מט.): 'בִּתְרוּעָה' דוּרְךְ די קוֹל פוּן תְּרוּעָה 'דְּאִיהוּ רוּחָא' וָואס דָאס אִיז לוּפְט 'אִתְעֲבִיר' וֶוערְט אַוֶועקְגֶענוּמֶען פוּנֶעם מֶענְטְשׁ - 'אֵל אַחֵר' די עֲבֵירָה פוּן עֲבוֹדָה זָרָה, [ווייל דֶער זוֹהַר זָאגְט (שָׁם), אַז תְּקִיעָה - אִיז צוּ מְתַקֵּן זַיין די מֹחַ, שְׁבָרִים - אִיז צוּ מְתַקֵּן זַיין די הַארְץ, אוּן תְּרוּעָה - אִיז צוּ מְתַקֵּן די לוּנְגֶען, וָואס בְּלָאזְט אוּן קִילְט אָפּ די פֵייעֶר וָואס בְּרֶענְט אִין הַארְץ, וָואס פוּן דֶעם פֵייעֶר קוּמְט די פֵייעֶר פוּן כַּעַס, אוּן די פֵייעֶר פוּן גַּאֲוָה, כַּעַס אוּן גַּאֲוָה - אִיז אֵיינְס, ווייל דֶער וָואס אִיז אָנְגֶעפִילְט מִיט יֵשׁוּת אוּן גַּאֲוָה - דֶער אִיז אַ כַּעֲסָן], וְצַדִּיק הוּא בְּחִינַת רוּחָא אוּן דֶער צַדִּיק וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן 'רוּחַ', כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (בַּמִּדְבָּר כ"ז, יח): אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק, דֶער אײבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט פַאר מֹשֶׁה רַבֵּינוּ עֶר זָאל נֶעמֶען יְהוֹשֻׁעַ בִּן נוּן אוּן אִים אוֹיפְנֶעמֶען צוּ פִירְן כְּלַל יִשְׂרָאֵל, אוּן מֶען בַּאטִיטְלְט יְהוֹשֻׁעַ 'אִישׁ אֲשֶׁר רוּחַ בּוֹ' אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז דָא אִין אִים אַ לֶעבֶּעדִיגֶע גייסְט; זֶעט מֶען אַז דֶער צַדִּיק וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן 'רוּחַ', ווייל דֶער צַדִּיק בְּלָאזְט אַריין אִין זַיינֶע מֶענְטְשְׁן אַ לֶעבֶּעדִיגֶע גייסְט, וְעַל יָדוֹ אוּן דוּרְךְ אִים נִכְנָע רוּחַ גָּבוֹהַּ גייט אַוֶועק די גַּאֲוָה, וָואס עֶר בְּלָאזְט אַזוֹי שְׁטַארְק פוּן זִיךְ, וָואס דָאס אִיז אַזוֹי וִוי אֵל אַחֵר דִינֶען עֲבוֹדָה זָרָה, וְנַעֲשֶׂה מֵאַחֵר אוּן עֶס וֶוערְט פוּן די וָוארְט 'אַחֵר' - אֶחָד 'אֶחָד', דֶער צַדִּיק לֵייגְט אַריין אִינֶעם מֶענְטְשׁ דֶעם אײבֶּערְשְׁטְן, [אַנְשְׁטָאט טְרַאכְטְן פוּן 'אַחֵר' פוּן גֶעפֶעלְן פַּאר יֶענֶעם אוּן זִיךְ גְרוֹיסְן אויף יֶענֶעם, לֵייגְט עֶר אַריין אִינֶעם מֶענְטְשׁ דֶעם 'אֶחָד' - דֶעם אײבֶּערְשְׁטְן, אוּן עֶס פַאלְט אַוֶועק די גַּאֲוָה], אוּן עֶס וֶוערְט פוּן די אוֹת ר' דֶעם אוֹת ד', אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין זוֹהַר (תִּקּוּן כא דַּף נ"ה:) כִּי הוּא 'קוֹצָא דְּאוֹת ד'' דֶער צַדִּיק אִיז דֶער עֶק פוּנֶעם אוֹת ד', שֶׁמִּמֶּנּוּ וָואס פוּן אִים - פוּנֶעם צַדִּיק - וֶוערְט אַנְטְפְּלֶעקְט אַז דֶער אײבֶּערְשְׁטֶער גֶעפִינְט זִיךְ אַרְבַּע רוּחוֹת אִין אַלֶע פִיר זַייטְן פוּן די וֶועלְט, (אוּן דָאס שְׁטֵייט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ הִלְכוֹת קְרִיאַת שְׁמַע [אוֹרַח חַיִּים, סִימָן סא, סְעִיף ו], מֶען זָאל אִינְזִין הָאבְּן בַּיים זָאגְן 'אֶחָד' אַז דֶער אײבֶּערְשְׁטֶער אִיז אֵיינְצִיג אִין אַלֶע פִיר זַייטְן וֶועלְט), דָאס אַלֶעס בַּאקוּמְט מֶען דוּרְכְן צַדִּיק, עֶר אִיז מְגַלֶּה אַז דֶער אײבֶּערְשְׁטֶער אִיז אִיבֶּעראַל; כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (יְחֶזְקֵאל ל"ז, ט): 'כֹּה אָמַר ה'' אַזוֹי זָאגְט דֶער

אֵייבֶּערְשְׁטֶער, 'מֵאַרְבַּע רוּחוֹת' פוּן דִי פִיר זַייטְן פוּן דִי וֶועלְט, 'בֹּאִי הָרוּחַ' וֶועט קוּמֶען דֶער לֶעבֶּעדִיגֶער גֵייסְט, אוּן דִי טוֹיטֶע וֶועלְן זִיךְ אוֹיפְוֶועקְן; טַייטְשְׁט דֶער רֶבִּי מֶער טִיפֶער, 'מֵאַרְבַּע רוּחוֹת' פוּן דֶעם צַדִּיק וָואס עֶר שַׁיינְט אַרַיין אִינֶעם מֶענְטְשׁ דִי עֶק פוּנֶעם ד' אוּן עֶס וֶוערְט 'אֶחָד' – פוּן אִים קוּמְט דֶער לֶעבֶּעדִיגֶער גֵייסְט, אוּן דִי גַּאֲוָה גֵייט אַוֶועק, מֶען וֶוערְט לֶעבֶּעדִיג, **וְזֶה לְשׁוֹן תְּרוּעָה** אוּן דָאס אִיז דִי לָשׁוֹן פוּן דִי וָוארְט 'תְּרוּעָה', **לְשׁוֹן** אַ לָשׁוֹן פוּן 'שְׁבִירָה' צֶעבְּרֶעכְן, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (תְּהִלִּים ב, ט): 'תְּרֹעֵם בְּשֵׁבֶט בַּרְזֶל' [דוּ וֶועסְט צֶעבְּרֶעכְן דִי פֶעלְקֶער מִיט אַן אַייזֶערְנֶעם רוּט]; (תִּקּוּן יח דַּף לו.; וְתִקּוּן כא דַּף מט.) דֶער פָּסוּק אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן אוֹיף מָשִׁיחַ צִדְקֵינוּ וָואס וֶועט צֶעבְּרֶעכְן דִי גָלוּת, דָאס אִיז דִי גַּאֲוֹות וָואס מַאכְט פַארְגֶעסְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס דָאס אִיז דֶער גָלוּת; עֶר וֶועט אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אַזַא אֱמוּנָה אִין דִי וֶועלְט אַז אַלֶע וֶועלְן שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בִּיז דִי גָלוּת אוּן דִי גַּאֲוֹות וֶועלְן צֶעבְּרָאכְן וֶוערְן אוּן וֶוערְן אוֹיס, **כִּי הוּא** וַוייל דֶער צַדִּיק **מְשַׁבֵּר** טוּט צֶעבְּרֶעכְן **רוּחַ גְּבוֹהַּ** דִי גַּאֲוָה, **אֵל אַחֵר** וָואס אִיז אַזוֹי גֶעפֶערְלִיךְ וִוי עֲבוֹדָה זָרָה, **כְּפִירוּת** דֶער בַּעַל גַּאֲוָה פַּארְגֶעסְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**וְזֶה לְשׁוֹן תְּרוּעָה, לְשׁוֹן** (תְּהִלִּים ב): **"תְּרֹעֵם בְּשֵׁבֶט בַּרְזֶל"** (תִּקּוּן י"ח וְתִקּוּן כ"א), **כִּי הוּא מְשַׁבֵּר רוּחַ גָּבוֹהַּ, אֵל אַחֵר, כְּפִירוֹת:**

**ו וְזֶה בְּחִינַת רִקּוּדִין וְהַמְחָאַת כַּף. כִּי רִקּוּדִין וְהַמְחָאַת כַּף נִמְשָׁכִין מִבְּחִינַת הָרוּחַ שֶׁבַּלֵּב, כַּנִּרְאֶה בְּחוּשׁ, כִּי עַל-יְדֵי שִׂמְחַת הַלֵּב הוּא מְרַקֵּד וּמַכֶּה כַּף אֶל כַּף; וְכַמּוּבָא בַּתִּקּוּנִים** (תִּקּוּן כא נ"א): **'וְהַאי רוּחָא נָשִׁב**

ו **יֶעצְט** גֵייט דֶער רֶבִּי גֶעבְּן צוּ פַארְשְׁטֵיין דָאס וָואס עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן אִין דִי תּוֹרָה (אוֹת א), אַז וֶוען עֶס אִיז דָא דִינִים אוֹיף אִידְן חַס וְשָׁלוֹם, אִיז דִי עֵצָה צוּ טַאנְצְן אוּן פַּאטְשְׁן. **וְזֶה בְּחִינַת רִקּוּדִין וְהַמְחָאַת כַּף** אוּן דָאס אִיז דִי גְרוֹיסְקַייט פוּן טַאנְצְן אוּן פַּאטְשְׁן, אַז דוּרְכְדֶעם וֶוערְט הַמְתָּקַת הַדִּינִים. **כִּי רִקּוּדִין וְהַמְחָאַת כַּף** וַוייל טַאנְצְן אוּן פַּאטְשְׁן **נִמְשָׁכִין מִבְּחִינַת הָרוּחַ שֶׁבַּלֵּב** קוּמְט פוּן דִי לֶעבֶּעדִיגֶע גֵייסְט פוּן דִי הַארְץ, **כַּנִּרְאֶה בְּחוּשׁ** אַזוֹי וִוי מֶען זֶעט קְלָאר, **כִּי עַל יְדֵי שִׂמְחַת הַלֵּב** וַוייל דוּרְךְ אַ פְרֵיילִיכֶע הַארְץ – **הוּא מְרַקֵּד** הֵייבְּט דֶער מֶענְטְשׁ אָן צוּ טַאנְצְן, **וּמַכֶּה כַּף אֶל כַּף** אוּן הֵייבְּט אָן פַּאטְשְׁן, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ פַארְקֶערְט, אוֹיב דִי הַארְץ אִיז פוּל מִיט גַּאֲוֹות אוּן יֵשׁוּת, מֶען גְרוֹיסְט זִיךְ, מֶען פַארְגֶעסְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן – וֶוערְט מֶען דֶערְבִּיטֶערְט אוּן דֶעפְּרֶעסְט, מֶען קֶען נִישְׁט טַאנְצְן אוּן פַּאטְשְׁן, מֶען אִיז בְּרוֹגֶז וְכוּ', דָאס אִיז דִינִים, וַוייל טַאנְצְן אוּן פַּאטְשְׁן קֶען נָאר דֶער וָואס זַיין הַארְץ אִיז אִים רֵיין אוּן עֶר שְׁפִּירְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, **וְכַמּוּבָא בַּתִּקּוּנִים** (תִּקּוּן כא דַּף נ"ג.) אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ: **'וְהַאי רוּחָא'** אוּן דִי גֵייסְט, **'נָשִׁיב בְּשִׁית פִּרְקִין דִּדְרוֹעָא'** בְּלָאזְט אִין דִי זֶעקְס חֲלָקִים

פון דִי הֶענְט, 'וּבְשִׁית פִּרְקִין דְּשׁוֹקִין' און אִין דִי זֶעקְס חֲלָקִים פון דִי פִּיס; אִין דִי הֶענְט אִיז דָא – פון דִי אַקְסְל בִּיז דִי שְׁפִּיץ פִינְגֶער – זֶעקְס חֲלָקִים, און אויךְ אִין דִי פִּיס, און דִי גַאנְצֶע כֹּחַ פון זִיךְ קֶענֶען בַּאוֶועגְן – קוּמְט פון דִי הַארְץ; דִי לֶעבֶּעדִיגֶע גֵייסְט פון דִי הַארְץ טוּט בַּאוֶועגְן דֶעם גַאנְצְן קֶערְפֶּער, און אַז עֶפֶּעס שְׁלֶעכְט אִיז אִין הַארְץ – וֶוערְט שְׁוֶוער פַארְן מֶענְטְשׁ דָאס בַּאוֶועגוּנְג, און וִוי נָאר דֶער מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה צוּ קוּמֶען צוּם צַדִּיק, און דֶער צַדִּיק מִיט זַיין רֵיינֶע הַארְץ בְּלָאזְט אַרַיין אִין אִים אַ לֶעבֶּעדִיגֶע גֵייסְט – פַּאלְט אַוֶועק זַיין גַּאֲוָה, וֶוערְט אִים זַיין הַארְץ רֵיין, וְהִיא בְּחִינַת הַמְחָאַת כַּף וּבְחִינַת רִקּוּדִין דוּרְכְדֶעם וֶוערְט אִים גְרִינְג צוּ טַאנְצְן און פַּאטְשְׁן און אַלֶע דִינִים וֶוערְן בָּטֵל; אָבֶּער אַז דֶער מֶענְטְשׁ אִיז אַ בַּעַל גַּאֲוָה, און זָאגְט 'אִיךְ דַארְף נִישְׁט גֵיין צוּם צַדִּיק, אִיךְ קֶען אַלֵיין מִתְפַּלֵּל זַיין' – אִיז אִים זַיין הַארְץ פַארְשְׁמִירְט מִיט קַשְׁיוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר אִיז נֶעבֶּעךְ פוּל מִיט יֵשׁוּת און גֵּאוּת, וֶוערְט אִים שְׁוֶוער זִיךְ צוּ בַּאוֶועגְן, קֶען עֶר נִישְׁט טַאנְצְן און פַּאטְשְׁן.

**דֶער** רֶבִּי בְּרֶענְגְט אַ רְאָיָ' אַז דִי פִּיס זֶענֶען צוּגֶעבִּינְדְן און אָנְגֶעהָאנְגֶען אִין דִי הַארְץ. וְזֶהוּ בְּחִינַת און דָאס אִיז וָואס שְׁטֵייט בַּיי יַעֲקֹב אָבִינוּ, וָואס עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען אַרַיינְצוּבְּרֶענְגֶען אַז תְּפִלָּה אִיז נִישְׁט נָאר בַּיי 'הַר' און 'שָׂדֶה', עֶר הָאט אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט תְּפִלָּה צוּ 'בַּיִת', און וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעזָאגְט דִי גוּטֶע בְּשׂוֹרָה אַז עֶר וֶועט אִים הִיטְן, שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית כט, א): 'וַיִּשָּׂא יַעֲקֹב רַגְלָיו' און יַעֲקֹב הָאט אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן זַיינֶע פִּיס, זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה: 'לִבּוֹ **נָשָׂא אֶת** רַגְלָיו' זַיין הַארְץ הָאט אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן זַיינֶע פִּיס, עֶס אִיז אִים גֶעוָוארְן גְרִינְג צוּ גֵיין, (בְּרֵאשִׁית-רַבָּה, וַיֵּצֵא, פָּרָשָׁה ע, ח), הַיְנוּ זֶעט מֶען פון דָא, עַל יְדֵי הָרוּחַ שֶׁבַּלֵּב אַז אוֹיבּ עֶס אִיז דָא אַ לֶעבֶּעדִיגֶע גֵייסְט אִין הַארְץ, מֶען הָאט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה – **בָּאִים הָרִקּוּדִין** קֶען מֶען גְרִינְג טַאנְצְן, הַיְנוּ און דָאס פַּאסִירְט בַּיי יֶעדְן אֵיינֶעם, עַל יְדֵי הַצַּדִּיק דוּרְכְדֶעם וָואס מֶען קוּמְט צוּם צַדִּיק, מֶען הֵייבְּט אָן שְׁפִּירְן אַ לֶעבֶּעדִיגֶע גֵייסְט אִין הַארְץ בִּיז מֶען הֵייבְּט אָן פַּאטְשְׁן און טַאנְצְן, **שֶׁהוּא** ווַייל דֶער צַדִּיק בְּחִינַת רוּחַ אִיז דֶער 'רוּחַ חַיִּים', עֶר בְּלָאזְט אַרַיין אַ לֶעבֶּעדִיגֶע גֵייסְט, אֱמוּנָה און שִׂמְחָה אִין זַיינֶע מְקוֹרָבִים, כַּנַּ"ל אַזוֹי וִוי אוֹיבְּן אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט (אוֹת ה), **נִתְבַּטֵּל הַגַּאֲוָה** בִּיז עֶס וֶוערְט בָּטֵל דִי גַּאֲוָה, כַּנַּ"ל אַזוֹי וִוי אוֹיבְּן אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט (אוֹת ה), און אַז מֶען קוּמְט נִישְׁט צוּם צַדִּיק, קֶען מֶען נִישְׁט טַאנְצְן, ווַייל דִי גַּאֲוָה גֵייט

**בְּשִׁית פִּרְקִין דִּדְרוֹעָא וּבְשִׁית פִּרְקִין דְּשׁוֹקִין', וְהִיא בְּחִינַת הַמְחָאַת כַּף וּבְחִינַת רִקּוּדִין. וְזֶהוּ בְּחִינַת: "לִבּוֹ נָשָׂא אֶת רַגְלָיו"** (בְּרֵאשִׁית-רַבָּה, וַיֵּצֵא, פָּרָשָׁה ע), **הַיְנוּ עַל-יְדֵי הָרוּחַ שֶׁבַּלֵּב בָּאִים הָרִקּוּדִין; הַיְנוּ עַל-יְדֵי הַצַּדִּיק שֶׁהוּא בְּחִינַת רוּחַ כַּנַּ"ל, נִתְבַּטֵּל הַגַּאֲוָה כַּנַּ"ל,**

**כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב** (תְּהִלִּים ל"ו): **"אַל תְּבוֹאֵנִי רֶגֶל גַּאֲוָה", וְנִתְבַּטֵּל הָעֲבוֹדַת אֱלִילִים, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב: "וְרַחֲצוּ רַגְלֵיכֶם"** (בְּרֵאשִׁית י"ח) **— 'זֶה עֲבוֹדַת אֱלִילִים'. וּכְשֶׁנִּתְעַלֶּה הָרַגְלִין עַל־יְדֵי הָרִקּוּדִין, בִּבְחִינַת נָשָׂא לִבּוֹ אֶת רַגְלָיו, וְנִתְבַּטֵּל הַגַּאֲוָה, הַיְנוּ הָעֲבוֹדָה זָרָה, עַל־יְדֵי־זֶה נִמְתָּקִין הַדִּינִים; כִּי 'כָּל זְמַן שֶׁיֵּשׁ עֲבוֹדָה זָרָה בָּעוֹלָם, חֲרוֹן־אַף בָּעוֹלָם'** (סִפְרִי, רְאֵה)**, וּכְשֶׁנִּתְעַבֵּר הָעֲבוֹדָה זָרָה, נִתְעַבֵּר הַחֲרוֹן־אַף וְנִמְשָׁכִין**

אַרָאפּ בִּיז דִי פִיס, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (תְּהִלִּים ל"ו, יב): 'אַל תְּבוֹאֵנִי רֶגֶל גַּאֲוָה' עֶס זָאל נִישְׁט קוּמֶען צוּ מִיר דִי פִיס פוּן דִי בַּעֲלֵי גַּאֲוָה, דֶער רֶבִּי טַייטְשְׁט נָאךְ טִיפֶער, עֶס זָאל נִישְׁט קוּמֶען צוּ מִיר גַּאֲוָה אִין דִי פִיס, דָוִד הַמֶּלֶךְ בֶּעט: 'רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ ווִיל דִיךְ שְׁפִּירְן, אַזוֹי וֶועל אִיךְ נִישְׁט הָאבְּן גַּאֲוָה אִין דִי פִיס, אִיךְ וֶועל קֶענֶען טַאנְצְן פוּן גְרוֹיס שִׂמְחָה אַז אִיךְ הָאבּ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן', וְנִתְבַּטֵּל הָעֲבוֹדַת אֱלִילִים אוּן עֶס ווֶערְט בָּטֵל דִי עֲבוֹדָה זָרָה, ווָאס דָאס אִיז דִי גַּאֲוָה. **דֶער** רֶבִּי בְּרֶענְגְט נָאךְ אַ רַאְיָ' אַז דִי פְּגַם פוּן עֲבוֹדָה זָרָה גֵייט בִּיז דִי פִיס; פְרִיעֶר הָאט דֶער רֶבִּי גֶעבְּרֶענְגְט אַ רַאְיָ' אַז גַּאֲוָה ווָאס אִיז אַזוֹי ווִי עֲבוֹדָה זָרָה גֵייט בִּיז דִי פִיס, יֶעצְט זָאגְט דֶער רֶבִּי אַז דִי פְּגַם פוּן עֲבוֹדָה זָרָה אַלֵיינְס - גֵייט בִּיז דִי פִיס, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק, אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט גֶעזָאגְט פַאר דִי גֶעסְט: 'וְרַחֲצוּ רַגְלֵיכֶם' אוּן ווַאשְׁט אַייךְ אָפּ אַייעֶר פִיס (בְּרֵאשִׁית י"ח, ד) זָאגְן אוֹיף דֶעם דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים, אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט גֶעמֵיינְט אַז זֵיי זֶענֶען אַרַאבֶּער אוּן זֵיי בּוּקְן זִיךְ צוּ דִי שְׁטוֹיב פוּן זֵייעֶר פִיס, הָאט עֶר זֵיי גֶעזָאגְט ווַאשְׁט אָפּ אַייעֶרֶע פִיס, 'זֶה עֲבוֹדַת אֱלִילִים' זֶעט מֶען אַז דִי פְּגַם פוּן עֲבוֹדָה זָרָה גֵייט צוּ דִי פִיס; **וּכְשֶׁנִּתְעַלֶּה הָרַגְלִין** אוּן ווֶוען מֶען הֵייבְּט אוֹיף דִי פִיס, **עַל יְדֵי הָרִקּוּדִין** דוּרְכְן טַאנְצְן, דוּרְכְדֶעם ווָאס מֶען נֶעמְט אַרַיין אִין הָארְץ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, **בִּבְחִינַת** אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט **'נָשָׂא לִבּוֹ אֶת רַגְלָיו'** זַיין הַארְץ הָאט אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן זַיינֶע פִיס, עֶס אִיז אִים גֶעווָארְן גְרִינְג צוּ גֵיין **וְנִתְבַּטֵּל הַגַּאֲוָה** אוּן עֶס ווֶערְט בָּטֵל דִי גַּאֲוָה **הַיְנוּ הָעֲבוֹדָה זָרָה** דִי עֲבוֹדָה זָרָה - **עַל יְדֵי זֶה נִמְתָּקִין הַדִּינִים** דוּרְכְדֶעם ווֶוערְן בָּטֵל אַלֶע דִינִים, אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן **כִּי 'כָּל זְמַן שֶׁיֵּשׁ עֲבוֹדָה זָרָה בָּעוֹלָם'** אַז דִי גַאנְצֶע צַייט ווָאס עֶס אִיז דָא אִין דִי ווֶועלְט דִי עֲבֵירָה פוּן עֲבוֹדָה זָרָה - **'חֲרוֹן אַף בָּעוֹלָם'** אִיז דָא דִינִים אוֹיף דִי ווֶועלְט (סִפְרִי רְאֵה, צו)**, וּכְשֶׁנִּתְעַבֵּר הָעֲבוֹדָה זָרָה** אוּן ווֶוען מֶען נֶעמְט אַוֶועק דִי עֲבוֹדָה זָרָה פוּן דִי ווֶועלְט - **נִתְעַבֵּר הַחֲרוֹן אַף** ווֶוערְן אַוֶועק גֶענוּמֶען דִי דִינִים, **וְנִמְשָׁכִין חֲסָדִים** אוּן עֶס ווֶוערְט חֲסָדִים אוֹיף דִי ווֶועלְט, **וְאָז הָרַגְלִין הֵם בִּבְחִינַת** אוּן דֶעמָאלְט ווֶוערְן דִי פִיס - אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט - **'רַגְלֵי חֲסִידָיו'** (שְׁמוּאֵל-א ב, ט) [דִי פִיס פוּן זַיינֶע עֶרְלִיכֶע, **'יִשְׁמֹר'** - טוּט עֶר אָפְּהִיטְן], אוּן דִי ווָארְט **'חֲסִידָיו** הַיְנוּ

**חֲסָדִים, וְאָז הָרַגְלִין הֵם בִּבְחִינַת רַגְלֵי חֲסִידָיו** (שְׁמוּאֵל-א ב), **הַיְנוּ בִּבְחִינַת חֲסָדִים, הַיְנוּ בְּחִינַת "חַסְדֵי דָוִד הַנֶּאֱמָנִים"** (יְשַׁעְיָהוּ נ"ה) **— 'הַנֶּאֱמָנִים' דַּיְקָא, כִּי נִתְבַּטְּלוּ הַמִּינוּת וְהַכְּפִירוֹת.**

**וְגַם זֶה בְּחִינַת הַמְחָאַת כַּף, כִּי עַל-יְדֵי הָרוּחַ נִתְגַּלֶּה הֶאָרַת הַיָּדַיִם, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב** (שִׁיר-הַשִּׁירִים ה): **"קוֹל דּוֹדִי דוֹפֵק"; 'דּוֹפֵק' — זֶה בְּחִינַת רוּחַ, כַּמּוּבָא בַּתִּקּוּנִים** (תִּקּוּן כה ס"ח.)**, וְסָמִיךְ לֵהּ: "דּוֹדִי שָׁלַח יָדוֹ מִן הַחוֹר" — זֶה בְּחִינַת הִתְגַּלּוּת הֶאָרַת הַיָּדַיִם, הַיְנוּ בְּחִינַת הַמְחָאַת כַּף, וְאָז נִתְבַּטֵּל הָעֲבוֹדָה זָרָה, הַיְנוּ**

בִּבְחִינַת חֲסָדִים אִיז אוֹיךְ אַ לָשׁוֹן פוּן 'חֲסָדִים'; זֶעט מֶען דֶעם לָשׁוֹן פוּן 'חֲסָדִים' בַּיי דִי פִיס, דִי 'חֶסֶד' גֵייט אַרָאפּ בִּיז צוּ דִי פִיס, אוּן 'חֶסֶד' אִיז 'אֱמוּנָה', הַיְנוּ בְּחִינַת אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק: 'חַסְדֵי דָוִד הַנֶּאֱמָנִים' (יְשַׁעְיָהוּ נ"ה, ג) [אִיךְ וֶועל בַּאצָאלְן פַאר דִי בַּאגְלֵייבְּטֶע גְענַאדֶע פוּן דָוִד הַמֶּלֶךְ], 'הַנֶּאֱמָנִים' דַּיְקָא עֶר כַאפְּט אָן דֶעם לָשׁוֹן פוּן 'אֱמוּנָה', כִּי ווייל דוּרְכְדֶעם וָואס מֶען אִיז מְבַטֵּל דִי עֲבוֹדָה זָרָה, דִי גַּאֲוָה, אוּן עֶס וֶוערְט פַארְמֶערְט דִי אֱמוּנָה – נִתְבַּטְּלוּ הַמִּינוּת וְהַכְּפִירוֹת וֶוערְן בָּטֵל דִי מִינוּת אוּן כְּפִירָה, אוּן עֶס וֶוערְט חֲסָדִים אוּן עֶס וֶוערְט הַמְתָּקַת הַדִּינִים.

**יֶעצְט** זָאגְט דֶער רֶבִּי וואו עֶס אִיז מְרוּמָז אַז דוּרְךְ פַּאטְשְׁן מִיט דִי הֶענְט וֶוערְט הַמְתָּקַת הַדִּינִים, וְגַם אוּן אוֹיךְ דָאס אַלֶעס וָואס מִיר הָאבְּן פְרִיעֶר גֶערֶעדְט – זֶה בְּחִינַת הַמְחָאַת כַּף אִיז מֶען זוֹכֶה דוּרְךְ פַּאטְשְׁן אוּן קְלַאטְשְׁן, כִּי עַל יְדֵי הָרוּחַ וַוייל דוּרְךְ דִי הֵיילִיגֶע לֶעבֶּעדִיגֶע גַייסְט, וָואס מֶען אִיז מְקַבֵּל פוּן צַדִּיק, נִתְגַּלֶּה הֶאָרַת הַיָּדַיִם וֶוערְן דִי הֶענְט לֶעבֶּעדִיג אוּן גְרִינְג, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (שִׁיר הַשִּׁירִים ה, ב): 'קוֹל דּוֹדִי' דִי קוֹל פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס אִיז מַיין פְרַיינְד, 'דּוֹפֵק' קְלַאפְּט אוּן וֶועקְט מִיךְ אוֹיף אִיךְ זָאל תְּשׁוּבָה טוּן, טַייטְשְׁט דֶער רֶבִּי 'דּוֹפֵק' דִי וָוארְט 'דּוֹפֵק' – זֶה בְּחִינַת רוּחַ דָאס מֵיינְט מֶען דִי גֵייסְט וָואס גֶעפִינְט זִיךְ אִין הָאַרְץ, וָואס פוּן דִי הָאַרְץ קְלַאפְּט אַרוֹיס דִי פּוּלְס, כַּמּוּבָא בַּתִּקּוּנִים אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין תִּיקוּנֵי זוֹהַר (תִּקּוּן כה ע:): 'קוֹל דּוֹדִי דוֹפֵק, דָּפִיק לְתַרְעָא דְלִבָּא', עֶס קְלַאפְּט בַּיים עֶפֶענוּנְג פוּנֶעם הָאַרְץ, וְסָמִיךְ לֵהּ אוּן נֶעבְּן דִי פָּסוּק שְׁטֵייט: 'דּוֹדִי שָׁלַח יָדוֹ מִן הַחוֹר' דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וָואס אִיז מַיין פְרַיינְד, הָאט אַרוֹיסְגֶעשְׁטֶעקְט זַיין הַאנְט פוּנֶעם לָאךְ; זֶעט מֶען אַז דִי הָאַרְץ וָואס דָארְט קְלַאפְּט דִי קוֹל הָאט אַ שַׁייכוּת מִיט דִי הֶענְט, זֶה בְּחִינַת הִתְגַּלּוּת הֶאָרַת הַיָּדַיִם אַז עֶס וֶוערְט אַנְטְפְּלֶעקְט אִין דִי הֶענְט אַ שִׂמְחָה, הַיְנוּ בְּחִינַת הַמְחָאַת כַּף דַאן הֵייבְּט מֶען אָן פַּאטְשְׁן, וְאָז נִתְבַּטֵּל הָעֲבוֹדָה זָרָה אוּן עֶס וֶוערְט בָּטֵל דִי עֲבוֹדָה זָרָה, הַיְנוּ הַכְּפִירוֹת דִי קַשְׁיוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן; קוּמְט אוֹיס אַז פַּאטְשְׁן אִיז אַ סִימָן אַז דִי הָאַרְץ אִיז

רֵיין, מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ, אוּן עֶס גֵייעֶן אַוֶועק אַלֶע דִינִים. וְזֶה בְּחִינַת אוּן דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק (שְׁמוֹת י"ז, יב): 'וַיְהִי יָדָיו אֱמוּנָה' משֶׁה רַבֵּינוּ'ס הֶענְט זֶענֶען גֶעוֶוען אוֹיסְגֶעשְׁפְּרֵייט מִיט אֱמוּנָה; זֶעט מֶען פוּן דָא אַז דוּרְךְ דִי לֶעבֶעדִיגֶע אוּן גְרִינְגֶע הֶענְט וֶוערְט בָּטֵל דִי גַּאֲוָה אוּן עֲבוֹדָה זָרָה אוּן עֶס וֶוערְט אַנְטְפְּלֶעקְט אַז מֶען הָאט אֱמוּנָה.

**יֶעצְט** גֵייט דֶער רֶבִּי צַאמְנֶעמֶען דָאס קוּמֶען צוּם צַדִּיק מִיט דָאס טַאנְצְן אוּן פַּאטְשְׁן.

**נִמְצָא** זֶעעֶן מִיר שֶׁעַל יְדֵי הַצַּדִּיק אַז דוּרְכְדֶעם וָואס מֶען קוּמְט צוּם צַדִּיק וָואס עֶר אִיז אִינְגַאנְצְן אוֹיסְגֶעלַייטֶערְט, הַיְנוּ בְּחִינַת רוּחַ שֶׁבַּלֵּב עֶר אִיז אַ 'בַּר לֵבָב', עֶר הָאט אַ רֵיינֶע הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - וֶוערְט אוֹיסְגֶערֵיינִיגְט דָאס הַארְץ פוּן אַלֶע זַיינֶע מְקוֹרָבִים, נִתְגַּלֶּה הֶאָרַת הַיָּדַיִם וְהָרַגְלַיִם אוּן עֶס וֶוערְט אַנְטְפְּלֶעקְט דִי שִׂמְחָה אִין דִי הֶענְט אוּן אִין דִי פִיס, הַיְנוּ בְּחִינַת רִקּוּדִין וְהַמְחָאַת כַּף אוּן מֶען קֶען שׁוֹין טַאנְצְן אוּן פַּאטְשְׁן, וְנִתְבַּטֵּל הַגַּאֲוָה אוּן עֶס וֶוערְט בָּטֵל דִי גַּאֲוָה וְהַכְּפִירוֹת אוּן אַלֶע קֻשְׁיוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, וְנִתְרַבֶּה הָאֱמוּנָה אוּן מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ בַּאקוּמֶען אַ

הַכְּפִירוֹת, וְזֶה בְּחִינַת (שְׁמוֹת י"ז): "וַיְהִי יָדָיו אֱמוּנָה".

**נִמְצָא**, שֶׁעַל־יְדֵי הַצַּדִּיק, הַיְנוּ בְּחִינַת רוּחַ שֶׁבַּלֵּב, נִתְגַּלֶּה הֶאָרַת הַיָּדַיִם וְהָרַגְלַיִם, הַיְנוּ בְּחִינַת רִקּוּדִין וְהַמְחָאַת כַּף, וְנִתְבַּטֵּל הַגַּאֲוָה וְהַכְּפִירוֹת, וְנִתְרַבֶּה הָאֱמוּנָה, וְאָז נִתְקַיֵּם (תְּהִלִּים כ"ו): "רַגְלִי עָמְדָה בְמִישׁוֹר", שֶׁהוּא בְּחִינַת אֱמוּנָה. כִּי הַמִּינוּת הִיא בְּחִינַת נָטָיוּ רַגְלָי, כְּמַאֲמַר אָסָף (שָׁם ע"ג): "כִּמְעַט נָטָיוּ רַגְלָי", שֶׁנֶּאֱמַר שָׁם עַל שֶׁהִשִּׁיאוֹ לִבּוֹ לְמִינוּת, כַּמְבֹאָר שָׁם; "וְרַגְלִי עָמְדָה בְמִישׁוֹר" מוֹרֶה עַל

שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, וְאָז נִתְקַיֵּם אוּן עֶס וֶוערְט מְקוּיָם דָאס וָואס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (תְּהִלִּים כ"ו, יב): 'רַגְלִי עָמְדָה בְמִישׁוֹר' [מַיין פוּס אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אִין גְלַייכְן וֶועג], שֶׁהוּא וָואס דָאס מֵיינְט בְּחִינַת אֱמוּנָה אַז מֶען הָאט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה. דֶער רֶבִּי בְּרֶענְגְט אַ רְאָיָ' אַז שְׁטֵיין גְלַייךְ אִיז מְרַמֵּז אוֹיף אֱמוּנָה, כִּי הַמִּינוּת ווַייל חַס וְחָלִילָה אוֹיבּ מֶען הָאט קֻשְׁיוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן - הִיא בְּחִינַת דָאס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן נָטָיוּ רַגְלָי זִיךְ אוֹיסְגֶעגְלִיטְשְׁט, כְּמַאֲמַר אָסָף אַזוֹי וִוי אָסָף זָאגְט (שָׁם ע"ג, ב): 'כִּמְעַט נָטָיוּ רַגְלָי' [אִיךְ הָאבּ זִיךְ כִּמְעַט אוֹיסְגֶעגְלִיטְשְׁט], שֶׁנֶּאֱמַר שָׁם וָואס דָארְט אִינֶעם קַאפִּיטְל רֶעדְט עֶר עַל שֶׁהִשִּׁיאוֹ לִבּוֹ לְמִינוּת אוֹיף דִי קֻשְׁיוֹת וָואס מֶענְטְשְׁן הָאבְּן אוֹיף דִי אֱמוּנָה, כַּמְבֹאָר שָׁם אַזוֹי וִוי עֶס וֶוערְט דָארְט אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט אִינֶעם קַאפִּיטְל, וִוי מֶענְטְשְׁן פְרֶעגְן (שָׁם, ג): 'שְׁלוֹם רְשָׁעִים אֶרְאֶה' מֶען זֶעט וִוי פַאר רְשָׁעִים גֵייט גוּט אוּן וִוי צַדִּיקִים מוּטְשֶׁען זִיךְ; זֶעט מֶען אַז זִיךְ אוֹיסְגְלִיטְשְׁן מֵיינְט מִינוּת, אוּן פַארְקֶערְט, שְׁטֵיין גְרָאד - מֵיינְט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה; זֶעט מֶען דָא אַז דִי פָּסוּק 'וְרַגְלִי עָמְדָה בְמִישׁוֹר' [מַיין פוּס אִיז

**אֱמוּנָה, וְאָז נִתְקַיֵּם "וַיְהִי יָדָיו אֱמוּנָה":**

**ז וְהַתּוֹרָה הִיא גַּם כֵּן בְּחִינַת יָדַיִן וְרַגְלַיִן, כִּי יֵשׁ בְּהַתּוֹרָה נִגְלֶה וְנִסְתָּר: נִגְלֶה הוּא בְּחִינַת יָדַיִם, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב: "דּוֹדִי שָׁלַח יָדוֹ מִן הַחוֹר" — 'מִן הַחוֹר', הַיְנוּ חָרוּת עַל הַלּוּחוֹת** (שְׁמוֹת ל"ב)**, שֶׁהוּא בְּנִגְלֶה; וְנִסְתָּר הֵם בְּחִינוֹת רַגְלַיִן, כְּמַאֲמַר חֲכָמֵינוּ, זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה** (סֻכָּה מט)**: "חַמּוּקֵי יְרֵכַיִךְ" — 'מַה יָּרֵךְ בַּסֵּתֶר' וְכוּ'. וּכְלָלִיּוּת**

גֶעשְׁטַאנֶען אִין גְלַייכְן וֶועג] – מוֹרֶה עַל אֱמוּנָה אִיז מְרַמֵּז אוֹיף אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, וָואס קוּמְט אָן סַיי צוּ דִי פִּיס אוּן סַיי צוּ דִי הֶענְט, וְאָז נִתְקַיֵּם אוּן עֶס וֶוערְט מְקוּיָם וָואס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק: 'וַיְהִי יָדָיו אֱמוּנָה' [מֹשֶׁה רַבֵּינוּ'ס הֶענְט זֶענֶען גֶעוֶוען אוֹיסְגֶעשְׁפְּרֵייט מִיט אֱמוּנָה], אַז מִיט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה גֵייט דִי אֱמוּנָה בִּיז דִי הֶענְט.

**ז בִּיז** אַהֶער הָאט דֶער רֶבִּי גֶערֶעדְט אַז מֶען דַארְף קוּמֶען צוּם צַדִּיק, וַוייל נָאר דוּרְךְ הִתְקָרְבוּת צוּם צַדִּיק פַּאלְט אַוֶועק דִי גַּאֲוָה; בִּיז דִי הַארְץ וֶוערְט אַזוֹי רֵיין, אַז עֶס הֵייבְּט אָן בְּלָאזְן אַ רוּחַ חַיִּים, עֶס הֵייבְּט אָן לַייכְטְן בִּיז דִי הֶענְט אוּן דִי פִּיס, מֶען הֵייבְּט אָן פַּאטְשְׁן אוּן טַאנְצְן, אוּן אַזוֹי וֶוערְן בָּטֵל אַלֶע דִינִים.

**יֶעצְט** גֵייט דֶער רֶבִּי גֵיין נָאךְ אַ טְרִיט וַוייטֶער, וְהַתּוֹרָה הִיא גַּם כֵּן בְּחִינַת יָדַיִן וְרַגְלַיִן אַז דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה הָאט אוֹיךְ אִין זִיךְ אַ חֵלֶק וָואס זֶעט אוֹיס וִוי 'הֶענְט' אוּן אַ חֵלֶק וָואס זֶעט אוֹיס וִוי 'פִּיס', כִּי יֵשׁ בְּהַתּוֹרָה וַוייל דִי תּוֹרָה הָאט צְוֵויי חֲלָקִים נִגְלֶה וְנִסְתָּר 'נִגְלֶה' אוּן 'נִסְתָּר', נִגְלֶה הוּא בְּחִינַת יָדַיִם 'נִגְלֶה' וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן הֶענְט פוּן דִי תּוֹרָה, וַוייל הֶענְט אִיז אַן אָפֶענֶע זַאךְ, אַנְדֶערְשׁ וִוי דִי פִּיס וָואס אִיז פַארְדֶעקְט, אַזוֹי אוֹיךְ דִי חֵלֶק נִגְלֶה פוּן דִי תּוֹרָה אִיז וָואס מֶען זֶעט אוּן מֶען פַארְשְׁטֵייט, דֶער רֶבִּי בְּרֶענְגְט אַ רַאיָ' אַז דִי חֵלֶק נִגְלֶה פוּן דִי תּוֹרָה וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן הֶענְט, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (שִׁיר הַשִּׁירִים ה, ד): 'דּוֹדִי' דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, וָואס אִיז מַיין פְרַיינְד – 'שָׁלַח יָדוֹ' הָאט אַרוֹיסְגֶעשְׁטֶעקְט זַיין הַאנְט, 'מִן הַחוֹר' פוּנֶעם לָאךְ, טַייטְשְׁט דֶער רֶבִּי 'מִן הַחוֹר' דִי וָוארְט מִן הַחוֹר – הַיְנוּ אִיז דִי לָשׁוֹן פוּן חָרוּת, אֵיינְגֶעקְרִיצְט, דָאס אִיז מְרַמֵּז אוֹיף דִי תּוֹרָה, דִי לוּחוֹת, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק אַז דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי לוּחוֹת אִיז גֶעוֶוען 'חָרוּת עַל הַלּוּחוֹת' אוֹיסְגֶעקְרִיצְט אוֹיף דִי לוּחוֹת, (שְׁמוֹת ל"ב, טז), שֶׁהוּא בְּנִגְלֶה אַז דִי חֵלֶק וָואס אִיז 'נִגְלֶה' אִיז מְרַמֵּז אוֹיף דִי הֶענְט, אַזוֹי וִוי דִי לוּחוֹת אִיז גֶעגֶעבְּן גֶעוָוארְן אָפְּן פַאר יֶעדְן; וְנִסְתָּר אוּן דִי חֵלֶק תּוֹרָה וָואס אִיז בַּאהַאלְטְן – הֵם בְּחִינוֹת רַגְלַיִן וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן פִּיס, כְּמַאֲמַר חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה אַזוֹי וִוי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (סֻכָּה מט:): אַז דִי תּוֹרָה אִיז (שִׁיר הַשִּׁירִים ז, ב): 'חַמּוּקֵי יְרֵכַיִךְ' [רִינְדֶעכִיג אַזוֹי וִוי דִי דִיקֶע פִּיס], פַארְוָואס אִיז דִי תּוֹרָה צוּגֶעגְלִיכְן צוּ פִּיס? 'מַה יָּרֵךְ בַּסֵּתֶר' אַזוֹי וִוי פִּיס אִיז בַּאהַאלְטְן, עֶס אִיז צוּגֶעדֶעקְט – 'אַף דִּבְרֵי תּוֹרָה בַּסֵּתֶר' אַזוֹי

אויף פאסט צו לערנען די באהאלטענע סודות פון די תורה [נסתר] איידעלערהייט, נישט אין גאס וכו'. ובכלליות התורה און אלע ביידע חלקים פון די תורה נקראת לב ווערט אנגערופן 'הארץ', שמתחלת ב'בית' ווייל די תורה הייבט זיך אן מיט די אות ב' ומסימת ב'למד' און עס ענדיגט זיך מיט די אות ל', די אותיות פון 'לב', ששם וואס דארט, אין די תורה – משכן הרוח רוט די גייסט, און דעריבער די אלע וואס לערנען די הייליגע תורה, די תלמידי חכמים, ביי זיי רוט די רוח, און דורך די רוח פונעם הארץ ציט זיך עס און דנשיב עס בלאזט בשית פרקין דדרועין אין די זעקס שטיקלעך פון די הענט, ושית פרקין דרגלין און אין די זעקס שטיקלעך פון די פיס, היינו בנגלה ובנסתר וואס די הענט און פיס זענען מרמז אויף נגלה און נסתר, און דאס איז די המשך פון אנהייב תורה, אז דורך טאנצן און פאטשן מיט די הענט און די פיס וואס איז די תורה שבכתב און תורה שבעל פה ווערט נמתק אלע דינים, עס ווערט אנטפלעקט פאר אלעמען אז דער אייבערשטער פירט די וועלט און אויך די גוים זעען אז עס איז דא א באשעפער, און אזוי אויך אלע מענטשן

**התורה נקראת לב, שמתחלת ב"בית" ומסימת ב"למד", ששם משכן הרוח דנשיב בשית פרקין דדרועין ושית פרקין דרגלין, היינו בנגלה ובנסתר:**

**ח וזה בחינת מרדכי ואסתר, והמן, בחינות פורים, בחינת גורל שהפיל המן, בחינת עמר שעורים. כי המן בחינת העבודת אלילים, כמאמר חכמינו, זכרונם לברכה, שעשה עצמו עבודת אלילים (מגילה י:), ובשביל זה הפיל פור הוא הגורל בחדש**

וואס זענען געפאלן אין עבירות און זיך דערווייטערט פונעם אייבערשטן קומען צוריק און שטארקן זיך מיט די אמונה.

**ח יעצט** גייט דער רבי צאמפלעכטן די גאנצע תורה, אז עס האט א שייכות מיט קדושת מרדכי און אסתר, און אזוי אויך מיט המן און פורים וכו'.

וזה בחינת און דאס אלעס איז מרומז ביי מרדכי ואסתר מרדכי הצדיק און אסתר המלכה, והמן און דער רשע המן, בחינות פורים אויך איז דאס מרומז אין פורים, בחינת גורל שהפיל המן און אין די גורל וואס המן האט געמאכט, בחינת עמר שעורים און אין די פרשה פון עמר וואס מרדכי האט געלערנט ווען המן איז אים געקומען נעמען און אים ארום פירן די שטאט; דאס אלעס איז איין זאך. כי המן ווייל דער רשע המן – בחינת העבודת אלילים איז עבודה זרה, כמאמר חכמינו זכרונם לברכה, אזוי ווי חכמינו זכרונם לברכה זאגן (מגילה י:): 'שעשה עצמו עבודת אלילים' המן האט זיך געמאכט פאר אן אפגאט, פון גרויס גאוה וואס ער האט געהאט איז ער צוגעקומען צו לייקענען אינעם אייבערשטן, ובשביל זה און דערפאר: 'הפיל פור הוא הגורל' האט ער

**שֶׁמֵּת בּוֹ מֹשֶׁה** (שָׁם י״ג:), **כִּי מֹשֶׁה הוּא מְבַטֵּל הָעֲבוֹדָה זָרָה, וּבִשְׁבִיל זֶה נִקְבַּר מוּל בֵּית פְּעוֹר, כְּדֵי לְבַטֵּל הָעֲבוֹדָה זָרָה שֶׁבַּפְּעוֹר, כְּמוֹ שֶׁדָּרְשׁוּ רַבּוֹתֵינוּ, זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה** (סוֹטָה יד.). **כִּי מֹשֶׁה גִּימַטְרִיָּא חֲרוֹן־אַף, כִּי הוּא מְבַטֵּל חֲרוֹן־אַף שֶׁל הָעֲבוֹדָה זָרָה, כִּי הוּא קִבֵּל הַתּוֹרָה, שֶׁהוּא בְּחִינַת יָדַיִן וְרַגְלַיִן כַּנַּ״ל, שֶׁעַל יְדֵיהֶם נִתְבַּטֵּל הָעֲבוֹדַת אֱלִילִים כַּנַּ״ל.**

גֶעמַאכְט די גוֹרָל צוּ הַרְגְ׳עֶנֶען אַלֶע אִידְן – אוּם חוֹדֶשׁ אֲדָר, בַּחֹדֶשׁ שֶׁמֵּת בּוֹ מֹשֶׁה אִין די חוֹדֶשׁ וָואס מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז נִסְתַּלֵּק גֶעוָוארְן (שָׁם י״ג: אַזוֹי זָאגְן דָארְט די הֵיילִיגֶע חֲכָמִים), **כִּי מֹשֶׁה הוּא מְבַטֵּל הָעֲבוֹדָה זָרָה** וַוייל מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז מְבַטֵּל די עֲבוֹדָה זָרָה, מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט זַיין גַאנְץ לֶעבְּן מְגַלֶּה גֶעוֶוען פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף די וֶועלְט, **וּבִשְׁבִיל זֶה נִקְבַּר מוּל בֵּית פְּעוֹר** אוּן דֶערִיבֶּער אִיז עֶר בַּאעֶרְדִיגְט גֶעוָוארְן אַנְטְקֶעגְן די טוּמְאָה פוּן בַּעַל פְּעוֹר, **כְּדֵי לְבַטֵּל הָעֲבוֹדָה זָרָה שֶׁבַּפְּעוֹר** צוּ מְבַטֵּל זַיין די טוּמְאָה פוּן די עֲבוֹדָה זָרָה פְּעוֹר, **כְּמוֹ שֶׁדָּרְשׁוּ רַבּוֹתֵינוּ, זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה** אַזוֹי וִוי די הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סוֹטָה יד.): ׳לָמָּה נִקְרָא שְׁמוֹ פְּעוֹר׳ פַארְוָואס הֵייסְט די עֲבוֹדָה זָרָה ׳בֵּית פְּעוֹר׳? ׳עַל שֵׁם שֶׁפּוֹעֵר פִּיו׳, וַוייל די קְלִיפָּה וִויל כְּסֵדֶר עֶפֶענֶען די מוֹיל צוּ רֶעדְן שְׁלֶעכְטְס אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אוּן וֶוען זִי זֶעט דֶעם קֶבֶר פוּן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ – אַנְטְלוֹיפְט זִי (מִדְרָשׁ אַגָּדָה, עֶס וֶוערְט אַרָאפְּגֶעבְּרֶענְגְט אִין תּוֹסְפוֹת, סוֹטָה יד.), עַיֵּין שָׁם, אוּן נָאךְ אַ רַאיָ׳ הָאסְטוּ אַז מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז מְבַטֵּל די עֲבוֹדָה זָרָה, **כִּי מֹשֶׁה** וַוייל די וָוארְט ׳מֹשֶׁה׳ **גִּימַטְרִיָּא** בַּאטְרֶעפְט דְרֵיי הוּנְדֶערְט פִינְף אוּן פֶערְצִיג (345) אַזוֹי וִוי די וָוארְט **חֲרוֹן אַף** ׳חֲרוֹן אַף׳, וָואס בַּאטְרֶעפְט אוֹיךְ דֶעם צָאל (345), (קוּק נָאךְ אִין סֵפֶר מְגַלֶּה עֲמֻקּוֹת פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן אוֹפָן ד׳: ׳יֵשׁ קְלִיפָּה שֶׁנִּקְרָאת חֲרוֹן אַף׳ עֶס אִיז דָא אַ קְלִיפָּה וָואס רוּפְט זִיךְ חֲרוֹן אַף, ׳וְהוּא כְּמִסְפַּר שֵׁם מֹשֶׁה׳ אוּן דָאס בַּאטְרֶעפְט אַזוֹי וִוי די וָוארְט מֹשֶׁה, ׳וּבְכָל פַּעַם שֶׁרוֹצָה לָקוּם׳ אוּן יֶעדֶע מָאל די קְלִיפָּה וִויל אוֹיפְשְׁטֵיין, ׳עַל יִשְׂרָאֵל׳ קֶעגְן אִידִישֶׁע קִינְדֶער – ׳מֹשֶׁה מַכְנִיעָהּ׳ טוּט מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיר אוּנְטֶערְטֶענִיגְן, עַיֵּין שָׁם), **כִּי הוּא מְבַטֵּל חֲרוֹן אַף שֶׁל הָעֲבוֹדָה זָרָה** וַוייל עֶר נֶעמְט אַוֶועק די חֲרוֹן אַף וָואס אִיז דָא דוּרְךְ די עֲבֵירָה פוּן עֲבוֹדָה זָרָה, וַוייל עֶר הָאט זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען זַיין גַאנְץ לֶעבְּן פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

**יֶעצְט** גייט דֶער רֶבִּי צַאמְפְּלֶעכְטְן וָואס עֶר הָאט פְרִיעֶר גֶעזָאגְט אִין אוֹת ז׳ פוּן די תּוֹרָה, **כִּי הוּא קִבֵּל הַתּוֹרָה** וַוייל מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט מְקַבֵּל גֶעוֶוען די תּוֹרָה, **שֶׁהוּא בְּחִינַת יָדַיִן וְרַגְלַיִן** וָואס הָאט אִין זִיךְ צְוֵויי חֲלָקִים נִגְלֶה אוּן נִסְתָּר, אַ בְּחִינָה וִוי הֶענְט אוּן פִיס **כַּנַּ״ל** אַזוֹי וִוי אוֹיבְן אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט (אוֹת ז). **שֶׁעַל יְדֵיהֶם** וָואס דוּרְךְ די הֵיילִיגֶע תּוֹרָה **נִתְבַּטֵּל הָעֲבוֹדַת אֱלִילִים** וֶוערְט בָּטֵל די עֲבוֹדָה זָרָה, **כַּנַּ״ל** אַזוֹי וִוי אוֹיבְן אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט (אוֹת ו).

**וְעַל כֵּן הִפִּיל פּוּר בַּיֶּרַח שֶׁמֵּת בּוֹ מֹשֶׁה, כִּי חָשַׁב כִּי כְּבָר מֵת מֹשֶׁה הַמְבַטֵּל כֹּחַ הָעֲבוֹדַת אֱלִילִים, וְאֵין עוֹד מִי שֶׁיּוּכַל לְבַטֵּל כֹּחַ הָעֲבוֹדַת אֱלִילִים:**

**אֲבָל מָרְדֳּכַי וְאֶסְתֵּר הָיָה לָהֶם כֹּחַ לְבַטֵּל הָעֲבוֹדַת אֱלִילִים שֶׁל הָמָן, וּבִשְׁבִיל זֶה בִּימֵיהֶם קִבְּלוּ יִשְׂרָאֵל הַתּוֹרָה מֵחָדָשׁ, כְּמַאֲמַר חֲכָמֵינוּ, זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (שַׁבָּת פח.): "קִיְּמוּ וְקִבְּלוּ" — 'קִיְּמוּ מַה שֶּׁקִּבְּלוּ כְּבָר'. וְזֶה: קִיְּמוּ וְקִבְּלוּ. קִיְּמוּ — זֶה בְּחִינַת רַגְלַיִן, וְקִבְּלוּ — זֶה בְּחִינַת יָדַיִן, וְהוּא בְּחִינַת הַתּוֹרָה בְּעַצְמָהּ כַּנַּ"ל.**

**וְזֶה בְּחִינַת מָרְדֳּכַי וְאֶסְתֵּר. 'מָרְדֳּכַי — מָר דְּרוֹר'**

**וְעַל כֵּן הִפִּיל פּוּר בַּיֶּרַח שֶׁמֵּת בּוֹ מֹשֶׁה** דֶעריבֶּער הָאט הָמָן גֶעוָוארְפְן דִי גוֹרָל אוֹיף דִי חוֹדֶשׁ וָואס מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז נִסְתַּלֵּק גֶעוָוארְן, **כִּי חָשַׁב כִּי כְּבָר מֵת מֹשֶׁה** וַוייל עֶר הָאט גֶעמֵיינְט אַז מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז שׁוֹין גֶעשְׁטָארְבְּן **הַמְבַטֵּל כֹּחַ הָעֲבוֹדַת אֱלִילִים** וָואס עֶר אִיז מְבַטֵּל דִי עֲבוֹדָה זָרָה, **וְאֵין עוֹד מִי שֶׁיּוּכַל לְבַטֵּל כֹּחַ הָעֲבוֹדַת אֱלִילִים** אוּן עֶס אִיז שׁוֹין נִישְׁטָא מֶער וֶוער עֶס וֶועט דָאס קֶענֶען מְבַטֵּל זַיין, **אֲבָל** אָבֶּער עֶר הָאט נִישְׁט גֶעווּאוּסְט **מָרְדְּכַי וְאֶסְתֵּר** אַז מָרְדְּכַי הַצַּדִּיק אוּן אֶסְתֵּר הַמַּלְכָּה **הָיָה לָהֶם כֹּחַ לְבַטֵּל הָעֲבוֹדַת אֱלִילִים שֶׁל הָמָן** הָאבְּן אוֹיךְ גֶעהַאט דִי כֹּחַ צוּ מְבַטֵּל זַיין דִי עֲבוֹדָה זָרָה פוּן הָמָן. **וּבִשְׁבִיל זֶה** אוּן דֶעריבֶּער **בִּימֵיהֶם קִבְּלוּ יִשְׂרָאֵל הַתּוֹרָה מֵחָדָשׁ** הָאבְּן דִי אִידְן נָאכְאַמָאל מְקַבֵּל גֶעוֶוען דִי תּוֹרָה אִין דִי טֶעג פוּן מָרְדְּכַי וְאֶסְתֵּר, **כְּמַאֲמַר חֲכָמֵינוּ, זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה** אַזוֹי וִוי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (שַׁבָּת פח.): אוֹיפְן פָּסוּק (אֶסְתֵּר ט, כז): **'קִיְּמוּ וְקִבְּלוּ', 'קִיְּמוּ'** זֵיי הָאבְּן מְקַבֵּל גֶעוֶוען אוֹיף זִיךְ פוּנְדָאסְנַיי - **'מַה שֶּׁקִּבְּלוּ כְּבָר'** דִי תּוֹרָה וָואס זֵיי הָאבְּן שׁוֹין גֶעהַאט אַמָאל מְקַבֵּל גֶעוֶוען, **וְזֶה: קִיְּמוּ וְקִבְּלוּ.** אוּן דָאס אִיז טַייטְשׁ קִיְּמוּ וְקִבְּלוּ, **'קִיְּמוּ'** דִי וָוארְט 'קִיְּמוּ' - **זֶה בְּחִינַת רַגְלַיִן** אִיז מְרַמֵּז אוֹיף דִי חֵלֶק פִּיס, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (דְּבָרִים יא, ו): 'וְאֵת כָּל הַיְקוּם אֲשֶׁר בְּרַגְלֵיהֶם', זֶעט מֶען אַז קִיְּמוּ אִיז פִּיס, **'וְקִבְּלוּ'** אוּן דִי וָוארְט 'קִבְּלוּ' - **זֶה בְּחִינַת יָדַיִן** אִיז מְרַמֵּז אוֹיף דִי חֵלֶק הֶענְט, וָואס מִיט הֶענְט טוּט מֶען מְקַבֵּל זַיין, **וְהוּא בְּחִינַת הַתּוֹרָה בְּעַצְמָהּ** דָאס אִיז דִי צְוֵויי חֲלָקִים פוּן דִי תּוֹרָה, נִגְלֶה אוּן נִסְתָּר, **כַּנַּ"ל** אַזוֹי וִוי אוֹיבְּן אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט (אוֹת ז).

**יֶעצְט** גֵייט דֶער רֶבִּי אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן אַז מָרְדְּכַי הַצַּדִּיק אִיז מְרַמֵּז אוֹיף דִי חֵלֶק תּוֹרָה וָואס אִיז וִוי דִי הֶענְט, דִי נִגְלֶה, אוּן אֶסְתֵּר הַמַּלְכָּה - אוֹיף דִי חֵלֶק תּוֹרָה וָואס אִיז וִוי דִי פִּיס, דִי נִסְתָּר.

**וְזֶה בְּחִינַת מָרְדְּכַי וְאֶסְתֵּר** אוּן דָאס אִיז מְרוּמָז אִין מָרְדְּכַי אוּן אֶסְתֵּר, וַוייל חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (חֻלִּין קלט:): **'מָרְדְּכַי מִן הַתּוֹרָה מִנַּיִן'** וואו זֶעעֶן מִיר אִין דִי תּוֹרָה - מָרְדְּכַי מָרְדְּכַי'ס נָאמֶען? בַּיי דִי פָּסוּק (שְׁמוֹת ל, כג): 'וְאַתָּה קַח לְךָ בְּשָׂמִים

(חֻלִּין קלט:) — **דְּרוֹר, לְשׁוֹן חֵרוּת, זֶה בְּחִינַת יָדַיִם, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב: "דּוֹדִי שָׁלַח יָדוֹ מִן הַחוֹר" כַּנַּ"ל; וְאֶסְתֵּר הוּא בְּחִינַת שׁוֹקַיִן, מַה יֶּרֶךְ בַּסֵּתֶר כַּנַּ"ל. וְזֶה לְשׁוֹן פּוּרִים, הַיְנוּ בִּטּוּל הָעֲבוֹדַת אֱלִילִים, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב** (יְשַׁעְיָהוּ ס"ג): **"פּוּרָה דָּרַכְתִּי לְבַדִּי וּמֵעַמִּים אֵין אִישׁ אִתִּי". וְעַל-**

רֹאשׁ מָר דְּרוֹר', 'מָר דְּרוֹר' זָאגְט דִי תַּרְגּוּם: 'מֵירָא דַכְיָא' – דָאס אִיז דִי נָאמֶען מָרְדְּכַי, אוּן דִי וָוארְט 'דְּרוֹר' **דְּרוֹר – לְשׁוֹן חֵרוּת** אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן חֵרוּת, פְרֵייהַייט, **זֶה בְּחִינַת יָדַיִם** אוּן דִי וָוארְט 'חֵרוּת' שְׁטֵייט אוֹיף גֶעשְׁרִיבְּן וֶוען מֶען רֶעדְט פוּן 'הֶענְט', **כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב** אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק: '**דּוֹדִי**' דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער – וָואס אִיז מַיין פְרַיינְד – '**שָׁלַח** '**יָדוֹ**" הָאט אַרוֹיסְגֶעשְׁטֶעקְט זַיין 'הַאנְט', '**מִן הַחוֹר**' פוּנֶעם לָאךְ, אוּן 'חוֹר' אִיז דִי זֶעלְבֶּע לָשׁוֹן פוּן 'חָרוּת' **כַּנַּ"ל** אַזוֹי ווִי אוֹיבְּן אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט (אוֹת ז) אַז דִי לָשׁוֹן פוּן חָרוּת, אַיינְגֶעקְרִיצְט, דָאס אִיז מְרַמֵּז אוֹיף דִי תּוֹרָה, דִי לוּחוֹת, וָואס שְׁטֵייט בַּיי אִיר 'חָרוּת עַל הַלּוּחוֹת' אוֹיסְגֶעקְרִיצְט אוֹיף דִי לוּחוֹת; **וְאֶסְתֵּר** אוּן אֶסְתֵּר **הוּא בְּחִינַת שׁוֹקַיִן** וַוייזְט אוֹיף דִי חֵלֶק פוּן דִי פִּיס, וָואס אִיז מְרַמֵּז אוֹיף דִי בַּאהַאלְטֶענֶע חֵלֶק פוּן דִי תּוֹרָה, ווייל 'אֶסְתֵּר' אִיז טַייטְשׁ 'בַּאהַאלְטְן', אוּן חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סֻכָּה מט:): '**מַה יֶּרֶךְ בַּסֵּתֶר**' אַזוֹי ווִי דִי פִּיס אִיז בַּאהַאלְטְן, זִי אִיז צוּגֶעדֶעקְט – 'אַף דִּבְרֵי תוֹרָה בַּסֵּתֶר' דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז תּוֹרָה, **כַּנַּ"ל** אַזוֹי ווִי אוֹיבְּן אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט (אוֹת ז).

[דָאס אִיז וָואס דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן 'מָרְדְּכַי וְאֶסְתֵּר מִן הַתּוֹרָה מְנַיִן'; 'מִן הַתּוֹרָה', אַז מָרְדְּכַי הַצַּדִּיק אוּן אֶסְתֵּר הַמַּלְכָּה זֵייעֶר קְדוּשָּׁה קוּמְט פוּן דִי תּוֹרָה, מָרְדְּכַי פוּן דִי חֵלֶק נִגְלוֹת הַתּוֹרָה וָואס אִיז אַזוֹי ווִי דִי הֶענְט, אוּן אֶסְתֵּר פוּן דִי חֵלֶק נִסְתָּר הַתּוֹרָה, דִי חֵלֶק פִּיס, אוּן דוּרְךְ פַּאטְשְׁן מִיט דִי הֶענְט, וָואס דָאס אִיז מְרַמֵּז אוֹיף מָרְדְּכַי, אוּן טַאנְצְן מִיט דִי פִּיס וָואס דָאס אִיז מְרַמֵּז אוֹיף אֶסְתֵּר – נֶעמְט מֶען אַוֶועק אַלֶע דִינִים אוּן עֶס וֶוערְט אַנְטְפְּלֶעקְט פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער וָואס פִירְט דִי וֶועלְט אוּן אַלֶע עֲבוֹדָה זָרָה'ס וֶוערְן בָּטֵל].

**יֶעצְט** גֵייט דֶער רֶבִּי אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן אַז פּוּרִים אִיז מְבַטֵּל דִי עֲבוֹדָה זָרָה פוּן הָמָן.

**וְזֶה לְשׁוֹן פּוּרִים** אוּן דָאס אִיז דִי וָוארְט 'פּוּרִים', **הַיְנוּ בִּטּוּל הָעֲבוֹדַת אֱלִילִים** מְבַטֵּל זַיין עֲבוֹדָה זָרָה, **כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב** אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (יְשַׁעְיָהוּ ס"ג, ג): '**פּוּרָה דָּרַכְתִּי לְבַדִּי וּמֵעַמִּים אֵין אִישׁ אִתִּי**' [אִיךְ אַלֵיינְס הָאבּ אוֹיסְגֶעטְרָאטְן אוּן אוֹיסְגֶעקְוֶועטְשְׁט דִי ווַיינְטְרוֹיבְּן, אוּן פוּן דִי פֶעלְקֶער אִיז קֵיין אֵיין מֶענְטְשׁ נִישְׁט גֶעוֶוען מִיט מִיר צוּ הֶעלְפְן]. אוּן פּוּרִים אִיז דִי לָשׁוֹן פוּן פּ'וּ'רָ'ה', ווייל פּוּרִים אִיז דָאךְ עַל שֵׁם הַ'פּ'וּ'ר' ['פּוּר' אִיז טַייטְשְׁט 'גּוֹרָל'], דִי גּוֹרָל וָואס הָמָן הָאט גֶעמַאכְט וֶוען עֶר הָאט גֶעוָואלְט אוֹיסְ'הַרְגֶ'עֶנֶען דִי אִידְן וֶוען עֶר הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט פַאר עֲבוֹדָה זָרָה; אוּן אִין דֶעם פָּסוּק אִיז מְרֻמָּז אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט מְבַטֵּל זַיין דִי עֲבוֹדָה זָרָה'ס אַזוֹי ווִי דֶער פָּסוּק פִירְט

**יְדֵי הֶאָרַת מָרְדֳּכַי וְאֶסְתֵּר, הַיְנוּ בְּחִינַת הַיָּדַיִן וְרַגְלַיִן, נִתְבַּטְּלוּ הַכְּפִירוֹת וְנִתְרַבָּה אֱמוּנָה בָּעוֹלָם עַל־יְדֵיהֶם, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב** (אֶסְתֵּר ב): **"וַיְהִי אֹמֵן אֶת הֲדַסָּה", וּבָהּ כְּתִיב** (שָׁם): **"כַּאֲשֶׁר הָיְתָה בְאָמְנָה אִתּוֹ", כִּי שְׁנֵיהֶם הֵם בְּחִינַת אֱמוּנָה. וְזֶה נַעֲשֶׂה עַל־יְדֵי הָרוּחַ כַּנַּ"ל.**

**וְזֶה בְּחִינַת** (מְגִלָּה ז.): **'אֶסְתֵּר בְּרוּחַ־הַקֹּדֶשׁ נֶאֶמְרָה', הַיְנוּ בְּחִינַת "לִבּוֹ נָשָׂא אֶת**

אוֹיס: 'וְאֶדְרְכֵם בְּאַפִּי וְאֶרְמְסֵם בַּחֲמָתִי' וְגוֹ'.

**וְעַל יְדֵי הֶאָרַת מָרְדְּכַי וְאֶסְתֵּר** און דוּרְךְ דִי הֵיילִיגְקֵייט פוּן דִי צַדִּיקִים מָרְדְּכַי און אֶסְתֵּר, הַיְנוּ בְּחִינַת הַיָּדַיִן וְרַגְלַיִן דוּרְךְ זֵייעֶר דְּבֵיקוּת אִין דִי צְוֵויי חֲלָקִים פוּן דִי תּוֹרָה – דִי צְוֵויי טֵיילְן, דִי הֶענְט און דִי פִּיס – נִתְבַּטְּלוּ הַכְּפִירוּת אִיז בָּטֵל גֶעוָוארְן דִי כְּפִירוּת פוּן הָמָן און עֲמָלֵק, און דֶער רֶבִּי זָאגְט נָאךְ מֶער, אַז דוּרְךְ מָרְדְּכַי און אֶסְתֵּר אִיז פַארְמֶערְט גֶעוָוארְן דִי אֱמוּנָה, וְנִתְרַבָּה אֱמוּנָה בָּעוֹלָם און עֶס אִיז פַארְמֶערְט גֶעוָוארְן דִי אֱמוּנָה אוֹיף דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, עַל יְדֵיהֶם דוּרְךְ זֵיי, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (אֶסְתֵּר ב, ז): 'וַיְהִי אֹמֵן אֶת הֲדַסָּה' [און מָרְדְּכַי הָאט גֶעהָאדֶעוֶועט הֲדַסָּה, עֶר הָאט אוֹיפְגֶעצוֹיגְן אֶסְתֵּר], זֶעעֶן מִיר דִי לָשׁוֹן פוּן 'אֹמֵן' 'אֱמוּנָה' בַּיי מָרְדְּכַי, עֶר הָאט אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט אֱמוּנָה אִין יֶעדְן, וּבָהּ כְּתִיב און בַּיי אִיר שְׁטֵייט (שָׁם): 'כַּאֲשֶׁר הָיְתָה בְאָמְנָה אִתּוֹ' [אַזוֹי וִוי וֶוען זִי אִיז גֶעוֶוען מִיט אִים, אֶסְתֵּר הָאט גֶעטוּן וָואס מָרְדְּכַי הָאט אִיר בַּאפוֹילְן], זֶעעֶן מִיר דִי לָשׁוֹן פוּן 'אָמְנָה' – 'אֱמוּנָה' בַּיי אֶסְתֵּר, זִי הָאט אוֹיךְ אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט אֱמוּנָה אִין יֶעדְן. כִּי שְׁנֵיהֶם הֵם בְּחִינַת אֱמוּנָה וַוייל בֵּיידֶע, סַיי מָרְדְּכַי און סַיי אֶסְתֵּר – הָאבְּן פַארְשְׁפְּרֵייט דִי אֱמוּנָה. וְזֶה נַעֲשֶׂה און דָאס אִיז גֶעטוּן גֶעוָוארְן עַל יְדֵי הָרוּחַ דוּרְךְ דִי גֵייסְט וָואס בְּלָאזְט אִין דִי זֶעקְס חֲלָקִים פוּן דִי הֶענְט און דִי זֶעקְס חֲלָקִים פוּן דִי פִּיס, דוּרְךְ פַּאטְשְׁן און טַאנְצְן כַּנַּ"ל אַזוֹי וִוי אוֹיבְן אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט (אוֹת ו).

**יֶעצְט** גֵייט דֶער רֶבִּי אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן אַז דַּיְקָא דוּרְךְ אֶסְתֵּר הַמַּלְכָּה וֶוערְט בָּטֵל דִי עֲבוֹדָה זָרָה'ס, און דֶערְפַאר וֶוערְט דִי מְגִילָּה אָנְגֶערוּפְן אוֹיף אִיר נָאמֶען 'מְגִלַּת אֶסְתֵּר'.

**וְזֶה בְּחִינַת** און דָאס אִיז וָואס דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (מְגִלָּה ז.): 'אֶסְתֵּר בְּרוּחַ הַקֹּדֶשׁ נֶאֶמְרָה' מְגִלַּת אֶסְתֵּר אִיז גֶעשְׁרִיבְּן גֶעוָוארְן מִיט רוּחַ הַקּוֹדֶשׁ, הַיְנוּ בְּחִינַת 'לִבּוֹ נָשָׂא אֶת רַגְלָיו' [זַיין הַארְץ הָאט אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן זַיינֶע פִּיס, עֶס אִיז אִים גֶעוָוארְן גְרִינְג צוּ גֵיין]; וַוייל דִי לֶעבֶּעדִיגֶע גֵייסְט פוּן הַארְץ בְּרֶענְגְט מֶען זָאל קֶענֶען אוֹיפְהֵייבְּן דִי פִּיס – וָואס דִי 'פִּיס' אִיז 'אֶסְתֵּר', אֶסְתֵּר אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן 'הַסְתָּרָה', בַּאשֵׁיידְן און בַּאהַאלְטְן, וָואס דָאס אִיז מְרַמֵּז אוֹיף דִי חֵלֶק 'סִתְרֵי תּוֹרָה' וָואס שְׁטֵייט בַּיי אִיר 'מַה יָּרֵךְ בַּסֵּתֶר', וָואס פוּן דִי תּוֹרָה קוּמְט דִי לֶעבֶּעדִיגֶע גֵייסְט, אַ הֵיילִיגֶע רוּחַ; און בַּיי 'אֶסְתֵּר'

רַגְלָיו", כִּי עִקַּר הָעַכּוּ"ם תָּלוּי בָּהּ, שֶׁהִיא בְּחִינַת רַגְלַיִן, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (מִשְׁלֵי ה): "רַגְלֶיהָ יוֹרְדוֹת מָוֶת", וְעַל כֵּן עִקַּר תִּקּוּן הָעֲבוֹדַת אֱלִילִים עַל-יָדָהּ. וְעַל כֵּן דַּיְקָא 'אֶסְתֵּר — בְּרוּחַ-הַקֹּדֶשׁ נֶאֶמְרָה'; אַף שֶׁבֶּאֱמֶת תִּקּוּן הָעֲבוֹדַת אֱלִילִים הוּא גַּם-כֵּן עַל-יְדֵי מָרְדֳּכַי כַּנַּ"ל, רַק מֵחֲמַת שֶׁעִקַּר הָעֲבוֹדַת אֱלִילִים תְּלוּיָה בָּהּ, וְעַל כֵּן עַל-יָדָהּ עִקַּר הַתִּקּוּן. וְעַל כֵּן נִקְרֵאת הַמְּגִלָּה עַל שֵׁם אֶסְתֵּר, וְהַיְנוּ דְּדַיְקָא 'אֶסְתֵּר — בְּרוּחַ-הַקֹּדֶשׁ נֶאֶמְרָה', כִּי הָרוּחַ הוּא בַּלֵּב, וְעַל-יָדוֹ נִתְגַּלֶּה הֶאָרַת הַיָּדַיִם וְהָרַגְלַיִם, רַק הָעִקָּר תְּלוּיָה בָּרַגְלַיִם, בְּחִינַת אֶסְתֵּר.

שְׁטֵייט אוֹיךְ דִי לָשׁוֹן פוּן 'רוּחַ' אַז אֶסְתֵּר בְּ'רוּחַ הַקּוֹדֶשׁ', מְגִלַּת אֶסְתֵּר אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן מִיט 'רוּחַ הַקּוֹדֶשׁ', אַ הֵיילִיגֶע גֵייסְט, וָואס וֶוען דִי הֵיילִיגֶע גֵייסְט וֶוערְט אַנְטְפְּלֶעקְט אוּן דֶערְהוֹיבְּן - וֶוערְט בָּטֵל זֵייעֶר עֲבוֹדָה זָרָה.

כִּי עִקַּר הָעַכּוּ"ם תָּלוּי בָּהּ וַוייל דִי עִקָּר כֹּחַ פוּן עֲבוֹדָה זָרָה, אִיז בַּיי דִי פְרוֹי, וָואס בַּיי פְרוֹיעֶן זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (שַׁבָּת לג:): 'נָשִׁים דַּעְתָּן קַלָּה' פְרוֹיעֶן קֶען מֶען שְׁנֶעלֶער אִיבֶּער רֶעדְן, שֶׁהִיא בְּחִינַת רַגְלַיִן וָואס זֵיי וֶוערְן אָנְגֶערוּפְן פִּיס, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב אַזוֹי ווִי מֶען זֶעט אִין מִשְׁלֵי, וֶוען מֶען אִיז מַזְהִיר מֶען זָאל אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן עֲבוֹדָה זָרָה, נִיצְט מֶען אַלְץ דִי מָשָׁל צוּ אַ פְרֶעמְדֶע פְרוֹי, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (מִשְׁלֵי ה, ה): 'רַגְלֶיהָ יוֹרְדוֹת מָוֶת' אִירֶע פִּיס פִירְן צוּם טוֹיט, אַזוֹי ווִי מִיר זֶעעֶן אַז מֶען הָאט פַארְכַאפְּט אֶסְתֵּר בַּיי אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ אוּן אַזוֹי אוֹיךְ שָׂרָה בַּיי אֲבִימֶלֶךְ, וְעַל כֵּן עִקַּר תִּקּוּן הָעֲבוֹדַת אֱלִילִים עַל יָדָהּ דֶערְפַאר וֶוערְט בָּטֵל אַלֶע עֲבוֹדָה זָרָה'ס דַּיְקָא דוּרְךְ אִיר, וְעַל כֵּן דַּיְקָא 'אֶסְתֵּר בְּרוּחַ הַקֹּדֶשׁ נֶאֶמְרָה' אוּן דֶערְפַאר אִיז מְגִלַּת אֶסְתֵּר גֶעשְׁרִיבְּן גֶעוָוארְן מִיט רוּחַ הַקֹּדֶשׁ, אַף שֶׁבֶּאֱמֶת תִּקּוּן הָעֲבוֹדַת אֱלִילִים הוּא גַּם כֵּן עַל יְדֵי מָרְדֳּכַי אֲפִילוּ בֶּאֱמֶת וֶוערְט בָּטֵל דִי עֲבוֹדָה זָרָה'ס אוֹיךְ דוּרְךְ מָרְדֳּכַי הַצַּדִּיק, כַּנַּ"ל אַזוֹי ווִי פְרִיעֶר אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט, רַק מֵחֲמַת שֶׁעִקַּר הָעֲבוֹדַת אֱלִילִים תְּלוּיָה בָּהּ אָבֶּער ווִיבַּאלְד בַּיי אִיר אִיז מֶער יוֹנֵק דִי קְלִיפּוֹת וְעַל כֵּן עַל יָדָהּ עִקַּר הַתִּקּוּן דֶערִיבֶּער וֶוערְט דוּרְךְ אִיר דֶער עִקָּר תִּיקּוּן, אוּן דוּרְךְ אִיר אִיז טַאקֶע גֶעקוּמֶען דֶער עִקָּר נֵס, וְעַל כֵּן דֶערְפַאר נִקְרֵאת הַמְּגִלָּה עַל שֵׁם אֶסְתֵּר וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן דִי מְגִילָּה אוֹיף אִיר נָאמֶען 'מְגִלַּת אֶסְתֵּר', וְהַיְנוּ דְּדַיְקָא אוּן דָאס אִיז וָואס חֲזַ"ל דְרוּקְן דֶעם לָשׁוֹן 'אֶסְתֵּר בְּרוּחַ הַקֹּדֶשׁ נֶאֶמְרָה' מְגִלַּת אֶסְתֵּר אִיז גֶעשְׁרִיבְּן גֶעוָוארְן מִיט רוּחַ הַקּוֹדֶשׁ, מֶען נִיצְט אִיר נָאמֶען, כִּי הָרוּחַ הוּא בַּלֵּב וַוייל דִי לֶעבֶּעדִיגֶע גֵייסְט גֶעפִינְט זִיךְ אִין הַארְץ וְעַל יָדוֹ אוּן אַז עֶס אִיז דָא דֶער לֶעבֶּעדִיגֶער גֵייסְט אִין הַארְץ נִתְגַּלֶּה הֶאָרַת הַיָּדַיִם וְהָרַגְלַיִם קוּמְט עֶס אָן בִּיז דִי הֶענְט אוּן דִי פִּיס רַק הָעִקָּר תְּלוּיָה בָּרַגְלַיִם, אָבֶּער דֶער עִקָּר אִיז בַּיי דִי פִּיס, דִי חֵלֶק סוֹדוֹת הַתּוֹרָה, בְּחִינַת אֶסְתֵּר וָואס אִיז מְרוּמָז אִין אֶסְתֵּר.

**וְזֶה** בְּחִינוֹת עֹמֶר שְׂעוֹרִים. עֹמֶר — זֶה בְּחִינַת מָרְדֳּכַי — עַיִן מֹר, מָר דְּרוֹר — דְּרוֹר לְשׁוֹן חֵרוּת, הַיְנוּ בְּחִינַת חָרוּת עַל הַלֻּחֹת [כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ, זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (עֵרוּבִין נד): אַל תִּקְרֵי חָרוּת אֶלָּא חֵרוּת], שֶׁהוּא בְּחִינַת הַתּוֹרָה בְּנִגְלֶה, שֶׁהוּא בְּחִינַת "עַיִן בְּעַיִן" (בְּמִדְבַּר י"ד). שְׂעוֹרִים — זֶה בְּחִינַת אֶסְתֵּר בְּרוּחַ־הַקֹּדֶשׁ, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (דְּבָרִים ל"ב): "כִּשְׂעִירִים עֲלֵי־דֶשֶׁא", שֶׁהוּא

**יֶעצְט** גֵייט דֶער רֶבִּי דָאס צַאמְפְּלֶעכְטְן מִיט דִי סוֹד פוּן 'קָרְבַּן עֹמֶר' וָואס מֶען הָאט גֶעמַאכְט פוּן שְׂעוֹרִים, אוּן וַוייזְן וִוי אַזוֹי 'עֹמֶר' אִיז מְרַמֵּז אוֹיף 'נִגְלֶה' (הֶענְט) - אוּן 'שְׂעוֹרִים' אִיז מְרַמֵּז אוֹיף 'נִסְתָּר' (פִיס).

**וְזֶה** בְּחִינוֹת עֹמֶר שְׂעוֹרִים אוּן דָאס אַלֶעס אִיז מְרוּמָז אִין דִי קָרְבַּן עֹמֶר, **עֹמֶר** זֶה בְּחִינַת מָרְדֳּכַי דִי זֶעלְבֶּע הֵיילִיגְקֵייט וָואס 'מָרְדְּכַי הַצַּדִּיק' הָאט אַרָאפְּגֶעבְּרֶענְגְט פּוּרִים, עֶר הָאט מְבַטֵּל גֶעוֶוען דִי עֲבוֹדָה זָרָה'ס, דִי זֶעלְבֶּע תִּיקּוּן וֶוערְט וֶוען מֶען אִיז מַקְרִיב דִי 'קָרְבַּן עֹמֶר', [דָאס אִיז דִי סוֹד פוּן דִי סִימָן וָואס שְׁטֵייט פוּן דִי קַדְמוֹנִים, (קוּק אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ אוֹרַח חַיִּים סִימָן תכח, סְעִיף א), אַז דִי זֶעלְבֶּע טָאג וָואס עֶס גֶעפַאלְט פּוּרִים - וֶועט זַיין לַ"ג בָּעֹמֶר, דִי סִימָן אִיז פל"ג, וַוייל פּוּרִים מִיט עֹמֶר הָאט דִי זֶעלְבֶּע שַׁיְיכוּת].

**וַוייל** 'עֹמֶר' אִיז דִי אוֹתִיּוֹת עַיִן מֹר, דִי אוֹת 'ע' אוּן דִי וָוארְט 'מֹר', אוּן 'מָר' אִיז מָר דְּרוֹר 'מַר דְּרוֹר', וָואס דָאס אִיז 'מָרְדְּכַי', אַזוֹי וִוי פְרִיעֶר אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט, 'מֵירָא דַכְיָא'. אוּן דְּרוֹר דִי וָוארְט 'דְּרוֹר' - לְשׁוֹן חֵרוּת אִיז טַייטְשׁ 'חֵרוּת', הַיְנוּ אוּן 'חֵרוּת' אִיז דִי זֶעלְבֶּע וֶוערְטֶער פוּן בְּחִינַת חָרוּת עַל הַלֻּחֹת אוֹיסְגֶעקְרִיצְט אוֹיף דִי לוּחוֹת, [כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ, זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (עֵרוּבִין נד.): 'אַל תִּקְרֵי חָרוּת' לֵיין עֶס נִישְׁט 'חָרוּת' מִיט אַ קָמֶץ 'אֶלָּא חֵרוּת' נָאר 'חֵרוּת', פְרֵיי; אַז דֶער וָואס לֶערְנְט תּוֹרָה וֶוערְט אַ בֶּן חוֹרִין], **שֶׁהוּא** וָואס מָרְדְּכַי הַצַּדִּיק בְּחִינַת הַתּוֹרָה בְּנִגְלֶה אִיז אַנְטְקֶעגְן דִי חֵלֶק פוּן נִגְלֶה, וָואס מֶען קֶען זֶען מִיט דִי אוֹיגְן, **שֶׁהוּא** בְּחִינַת אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק 'עַיִן בְּעַיִן' (בְּמִדְבַּר י"ד, יד). [וָואס אָפֶענֶערְהֵייט 'נִרְאָה אַתָּה ה'', הָאט יֶעדֶער גֶעזֶען אַז דוּ הָאסְט אוּנְז לִיבּ], וַוייל דִי חֵלֶק הַנִּגְלֶה פוּן דִי תּוֹרָה וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן 'עֹמֶר' - 'עַיִן מֹר' וַוייל דִי תּוֹרָה אִיז 'מָר דְּרוֹר', מֶען וֶוערְט פְרֵיי, אוּן דִי חֵלֶק הַתּוֹרָה קֶען מֶען זֶען מִיט דִי אוֹיגְן. וַוייל 'עַיִן' טַייטְשְׁט 'אוֹיגְן', אוּן דָאס אִיז מְרַמֵּז אוֹיף נִגְלוֹת הַתּוֹרָה וָואס מֶען זֶעט אַזוֹי וִוי דִי הֶענְט, אַזוֹי וִוי אוֹיבְן אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט (אוֹת ז).

דִי וָוארְט **שְׂעוֹרִים** וָואס דִי קָרְבָּן בְּרֶענְגְט מֶען פוּן גֶערְשְׁטְן - **זֶה בְּחִינַת אֶסְתֵּר** בְּרוּחַ הַקֹּדֶשׁ דָאס אִיז מְרַמֵּז אוֹיף וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (מְגִלָּה ז.): 'אֶסְתֵּר בְּרוּחַ הַקֹּדֶשׁ נֶאֶמְרָה' [מְגִלַּת אֶסְתֵּר אִיז גֶעשְׁרִיבְּן גֶעוָוארְן מִיט רוּחַ הַקּוֹדֶשׁ], **כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב** אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (דְּבָרִים ל"ב, ב): 'כִּשְׂעִירִים עֲלֵי דֶשֶׁא' [אַזוֹי וִוי

**לְשׁוֹן רוּחַ. וּבִשְׁבִיל זֶה, כְּשֶׁבָּא הָמָן לְמָרְדְּכַי, מְצָאוֹ עוֹסֵק בְּעֹמֶר שְׂעוֹרִים, אָמַר לָהֶם: עֹמֶר שְׂעוֹרִים דִּידְכוּ אָתֵי וְנִצַּח אוֹתוֹ וְאֶת בָּנָיו, כַּמְבֹאָר בַּמִּדְרָשׁ** (אֶסְתֵּר רַבָּה פָּרָשָׁה י מְגִילָּה טז.)**; כִּי עַל־יְדֵי עֹמֶר שְׂעוֹרִים, שֶׁהוּא בְּחִינַת יָדַיִן וְרַגְלַיִן, שֶׁהֵם בְּחִינַת הַמְחָאַת כַּף וְרִקּוּדִין, נִתְבַּטֵּל הָעֲבוֹדָה זָרָה, שֶׁהוּא בְּחִינַת הָמָן, בְּחִינַת גֵּאוּת כַּנַּ"ל. וּבִשְׁבִיל זֶה צִוָּה הָמָן לַעֲשׂוֹת עֵץ גָּבֹהַּ חֲמִשִּׁים אַמָּה, כִּי רָצָה לְבַטֵּל כֹּחַ שֶׁל חֲמִשִּׁים יוֹם שֶׁל סְפִירַת הָעֹמֶר, שֶׁהוּא הַכֹּחַ שֶׁל מָרְדְּכַי וְאֶסְתֵּר:**

**ט וְזֶה פֵּרוּשׁ: אָמַר רַבָּה בַּר בַּר־חָנָה: אָמַר לִי הַהוּא**

אַ שְׁטוּרֶעם ווינט פוּן רֶעגְן וָואס בְּלָאזְט אוֹיף גְרָאז, וָואס טוּט שְׁטַארְקְן די גְרָאז, אַזוֹי אוֹיךְ טוּט די תּוֹרָה שְׁטַארְקְן דֶעם מֶענְטְשׁ], **שֶׁהוּא לְשׁוֹן רוּחַ** זֶעט מֶען אַז די לָשׁוֹן 'שְׂעוֹרִים' אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן 'רוּחַ', וָואס אִיז מְרַמֵּז אוֹיף 'אֶסְתֵּר' וָואס אִיז אוֹיךְ 'רוּחַ' וַוייל עֶס אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן מִיט 'רוּחַ הַקּוֹדֶשׁ', **וּבִשְׁבִיל זֶה** אוּן דֶערִיבֶּער, '**כְּשֶׁבָּא הָמָן לְמָרְדְּכַי**' וֶוען הָמָן אִיז גֶעקוּמֶען נֶעמֶען מָרְדְּכַי, אִים אַרוּם פִירְן אִין שְׁטָאט, '**מְצָאוֹ עוֹסֵק בְּעֹמֶר שְׂעוֹרִים**' אוּן עֶר הָאט אִים גֶעפוּנֶען לֶערְנֶען די פַּרְשָׁה פוּן קָרְבַּן עֹמֶר שְׂעוֹרִים, '**אָמַר לָהֶם**' הָאט הָמָן גֶעזָאגְט: '**עֹמֶר שְׂעוֹרִים דִּידְכוּ**' עֶנְקֶער קָרְבַּן עֹמֶר שְׂעוֹרִים '**אָתֵי**' אִיז גֶעקוּמֶען, '**וְנִצַּח אוֹתוֹ וְאֶת בָּנָיו**' אוּן מְנַצֵּחַ גֶעוֶוען מִיךְ מִיט מַיינֶע קִינְדֶער, **כַּמְבֹאָר בַּמִּדְרָשׁ** אַזוֹי ווי די הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (אֶסְתֵּר רַבָּה י, ד; מְגִילָּה טז.); **כִּי עַל יְדֵי עֹמֶר שְׂעוֹרִים** וַוייל דוּרְךְ די קָרְבַּן עֹמֶר פוּן גֶערְשְׁטְן, **שֶׁהוּא בְּחִינַת יָדַיִן וְרַגְלַיִן** וָואס אִיז מְרַמֵּז אוֹיף די חֵלֶק תּוֹרָה נִגְלֶה אוּן נִסְתָּר, וָואס אִיז אַזוֹי ווי הֶענְט אוּן פִיס, **שֶׁהֵם בְּחִינַת הַמְחָאַת כַּף וְרִקּוּדִין**, וָואס דָאס אִיז די זַאךְ פוּן פַּאטְשְׁן אוּן טַאנְצְן, וָואס מֶען נִיצְט דֶערְבַּיי די הֶענְט אוּן די פִיס, דוּרְכְדֶעם **נִתְבַּטֵּל הָעֲבוֹדָה זָרָה** וֶוערְט בָּטֵל די עֲבוֹדָה זָרָה **שֶׁהוּא בְּחִינַת הָמָן** וָואס דָאס אִיז די קְלִיפָּה פוּן הָמָן, **בְּחִינַת גֵּאוּת** די שֶׁלֶעכְטֶע מִדָּה פוּן גַּאֲוָה, **כַּנַּ"ל** אַזוֹי ווי אוֹיבְּן אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט, **וּבִשְׁבִיל זֶה** אוּן דֶערִיבֶּער **צִוָּה הָמָן לַעֲשׂוֹת עֵץ גָּבֹהַּ חֲמִשִּׁים אַמָּה** הָאט הָמָן גֶעהֵייסְן מַאכְן אַ תְּלִיָּה הוֹיךְ פוּפְצִיג אֵיילְן, **כִּי רָצָה לְבַטֵּל כֹּחַ שֶׁל חֲמִשִּׁים יוֹם שֶׁל סְפִירַת הָעֹמֶר** וַוייל עֶר הָאט גֶעוָואלְט מְבַטֵּל זַיין די כֹּחַ פוּן די פוּפְצִיג טֶעג פוּן סְפִירָה, **שֶׁהוּא הַכֹּחַ שֶׁל מָרְדְּכַי וְאֶסְתֵּר** די כֹּחַ פוּן מָרְדְּכַי הַצַּדִּיק אוּן אֶסְתֵּר הַמַּלְכָּה, אָבֶּער בֶּאֱמֶת אִיז די כֹּחַ הַצַּדִּיקִים גְרֶעסֶער אוּן מִיט די כֹּחַ פוּן די 'עֹמֶר שְׂעוֹרִים' הָאבְּן זֵיי זִיךְ מִתְגַּבֵּר גֶעוֶוען אוֹיף אִים אוּן מֶען הָאט אִים אוֹיפְגֶעהַאנְגֶען.

**ט יֶעצְט** גֵייט דֶער רֶבִּי צַאמְפְּלֶעכְטְן די גַאנְצֶע תּוֹרָה אוּן דָאס אַרַיינְלֵייגְן אִין די וֶוערְטֶער פוּן רַבָּה בַּר בַּר חָנָה.

**וְזֶה פֵּרוּשׁ** אוּן דָאס אִיז פְּשַׁט אִין די גְמָרָא (בָּבָא בַּתְרָא עג.): '**אָמַר רַבָּה בַּר בַּר חָנָה**'

**טַיְעָא: תָּא וְאַחֲוֵי לָךְ בְּלוּעֵי דְקֹרַח. אַזְלִי וַחֲזַאִי תְּרֵי בִּזְעֵי דַּהֲוֵי נָפִיק מִנַּיְהוּ קִטְרָא. שְׁקַל גְּבָבָא דְעַמְרָא וּמַשְׁיֵהּ בְּמַיָּא וְאַנְחֵהּ בְּרֵישֵׁהּ דְּרֻמְחֵהּ וְעַיְּלֵהּ הָתָם, וְכִי אַפִּיק, הֲוֵי אִחֲרַךְ אִחֲרוּכֵי. אָמַר לִי: אַצִּית! מָה שְׁמָעִית? וְשִׁמְעַת דַּהֲוֵי אָמְרִין: מֹשֶׁה אֱמֶת וְתוֹרָתוֹ אֱמֶת וְהֵן בַּדָּאִין. אָמַר לִי: כָּל שְׁלֹשִׁים יוֹמָא מְהַדְּרָא לְהוּ גֵּיהִנֹּם לְהָכָא כְּבָשָׂר בְּקַלַּחַת, וְאָמְרֵי הָכִי: מֹשֶׁה וְתוֹרָתוֹ אֱמֶת וְהֵן בַּדָּאִין.**

רַשְׁבַּ"ם: בִּזְעֵי — בְּקָעִים, דִּכְתִיב: "וַתִּבָּקַע הָאֲדָמָה" וְגוֹ'. קִטְרָא — עָשָׁן. שְׁקַל גְּבָבָא דְעַמְרָא — לָקַח גִּזַּת צֶמֶר וּשְׁרָאָהּ בְּמַיִם.

רַבָּה בַּר בַּר חָנָה הָאט גֶעזָאגְט: 'אָמַר לִי ההוּא טַיְעָא': אַ סוֹחֵר אַן אַרַאבֶער הָאט מִיר גֶעזָאגְט, 'תָּא' קוּם מִיט מִיר, 'וְאַחֲוֵי לָךְ' אוּן אִיךְ וֶועל דִיר וַוייזְן דִי פְּלַאץ, 'בְּלוּעֵי דְקֹרַח' וואוּ קֹרַח אִיז גֶעוָוארְן אײַנְגֶעשְׁלוּנְגֶען, 'אַזְלִי' בִּין אִיךְ גֶעגַאנְגֶען 'וַחֲזַאִי תְּרֵי בִּזְעֵי' אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעזֶעגן צְוַוייא שְׁפַּאלְטֶענֶעס 'דְּהָוֵי נָפִיק מִנַּיְהוּ קִטְרָא' וָואס אִיז אַרוֹיס פוּן אִיר אַ רוֹיךְ, 'שְׁקַל' הָאט דֶער אַרַאבֶער גֶענוּמֶען 'גְּבָבָא דְעַמְרָא' אַ שְׁטִיקְל וָואל, 'וּמַשְׁיֵהּ בְּמַיָּא' אוּן עֶר הָאט דָאס גֶעוַוייקְט אִין וַואסֶער, 'וַאנְחֵהּ בְּרֵישֵׁהּ דְּרֻמְחֵהּ' אוּן עֶר הָאט גֶעלֵייגְט דִי וָואל אוֹיף דִי שְׁפִּיץ פוּן זַיין שְׁוֶוערְד, 'וְעַיְּלֵהּ הָתָם' אוּן עֶר הָאט אַרַיינְגֶעשְׁטֶעקְט דִי שְׁוֶוערְד וָואס הָאט גֶעהַאט אוֹיפְן שְׁפִּיץ דִי נַאסֶע וָואל - אִין דִי שְׁפַּאלְטֶענֶעס, 'וְכִי אַפִּיק' אוּן וֶוען עֶר הָאט דָאס אַרוֹיסְגֶענוּמֶען - 'הֲוֵי אִחֲרַךְ אִחֲרוּכֵי' אִיז גֶעוֶועזְן דִי וָואל פַארְבְּרֶענְט, פוּן דִי הַייסְקֵייט פוּן דִי פַייעֶר וָואס בְּרֶענְט דָארְט, 'אָמַר לִי' אוּן דֶער אַרַאבֶער הָאט מִיר גֶעזָאגְט: 'אַצִּית, מָה שְּׁמָעִית' בֵּייג צוּ דַיינֶע אוֹיעֶרְן אוּן הֶער דִי גֶערוּדֶער וָואס קוּמְט אַרוֹיס פוּן דִי שְׁפַּאלְטֶענֶעס, 'וְשִׁמְעַת דַּהֲוֵי אָמְרִין' אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט וִוי קֹרַח מִיט זַיין גֶעמֵיינְדֶע זָאגְן: 'מֹשֶׁה אֱמֶת וְתוֹרָתוֹ אֱמֶת' מֹשֶׁה אִיז אֱמֶת אוּן זַיין תּוֹרָה אִיז אֱמֶת, 'וְהֵן בַּדָּאִין' אוּן זֵיי (דָאס הֵייסְט קֹרַח מִיט זַיינֶע מֶענְטְשְׁן) זֶענֶען לִיגֶענֶערְס. 'אָמַר לִי' הָאט מִיר דֶער אַרַאבֶער גֶעזָאגְט: 'כָּל שְׁלֹשִׁים יוֹמָא' יֶעדֶע דְרַייסִיג טֶעג, 'מְהַדְּרָא לְהוּ גֵּיהִנּוֹם לְהָכָא' דְרֵייט זֵיי דֶער גֵּיהִנּוֹם אִיבֶּער, 'כְּבָשָׂר בְּקַלַּחַת' אַזוֹי וִוי מֶען דְרֵייט אִיבֶּער פְלֵייש אִין אַ טָאפּ בַּיים קָאכְן, 'וְאָמְרֵי הָכִי' אוּן זֵיי זָאגְן אַזוֹי: 'מֹשֶׁה וְתוֹרָתוֹ אֱמֶת וְהֵן בַּדָּאִין' מֹשֶׁה אִיז אֱמֶת אוּן זַיין תּוֹרָה אִיז אֱמֶת, אוּן זֵיי (קֹרַח מִיט זַיינֶע מֶענְטְשְׁן) - זֶענֶען לִיגֶענֶערְס.

רַשְׁבַּ"ם זָאגְט דֶער רַשְׁבַּ"ם: בִּזְעֵי. אִיז טַייטְשׁ בְּקָעִים שְׁפַּאלְטֶענֶעס, דִּכְתִיב: אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (בַּמִּדְבָּר טז, לא): 'וַתִּבָּקַע הָאֲדָמָה' אוּן דֶער עֶרְד הָאט זִיךְ גֶעשְׁפָּאלְטְן, זָאגְט אוֹיף דֶעם דִי תַּרְגּוּם אוּנְקְלוֹס וְאִתְ'בְּזַעַ'ת אַרְעָא' זֶעט מֶען אַז 'בִּזְעֵי' מֵיינְט גֶעשְׁפָּאלְטְן וְגוֹ': קִטְרָא. אִיז טַייטְשׁ עָשָׁן: אַ רוֹיךְ, שְׁקַל גְּבָבָא דְעַמְרָא. אִיז טַייטְשׁ לָקַח גִּזַּת צֶמֶר עֶר הָאט גֶענוּמֶען

אַ שְׁטִיקְל וָואל, **וּשְׁרָאָהּ בְּמַיִם:** און דָאס גֶעווייקְט אִין וַואסֶער, **וְאַחְרַךְ אַחְרוּכֵי. הַנֵי גְּבָבֵי** און עֶס אִיז פַארְבְּרֶענְט גֶעוָוארְן די וָואל פון די הַייסְקֵייט פון די פַייעֶר וָואס בְּרֶענְט דָארְט, **וְאַף עַל פִּי שֶׁשָּׁרוּ אוֹתָהּ בְּמַיִם:** אֲפִילוּ די וָואל אִיז גֶעוֶוען דוּרְכְגֶעווייקְט מִיט וַואסֶער, **אַצִּית.** אִיז טַייטְשׁ **הַסְכֵּת וּשְׁמַע:** הֶער זִיךְ צוּ, **וְשִׁמְעַת דְּקָאָמְרֵי.** אִיז דֶער רַשְׁבַּ"ם מַסְבִּיר: ווִי קֶען זַיין זַיי זָאלְן רֶעדְן, זַיי זֶענֶען דָאךְ שׁוֹין גֶעשְׁטָארְבְּן? **שֶׁהֲרֵי יָרְדוּ חַיִּים שְׁאוֹלָה:** וַוייל זַיי זֶענֶען אַרָאפּ אִין גֵיהִנּוֹם לֶעבֶּעדִיגֶערְהֵייט, **כָּל שְׁלשִׁים יוֹם.** אִיז טַייטְשׁ **כָּל רֹאשׁ חֹדֶשׁ:** יֶעדֶע רֹאשׁ חוֹדֶשׁ, **בְּקַלַּחַת.** אִיז טַייטְשׁ **שֶׁמְּהַפְּכִין אוֹתוֹ כְּדֵי שֶׁתִּתְבַּשֵּׁל:** אַזוֹי ווִי מֶען דְרֵייט אִיבֶּער פְלֵיישׁ אִין אַ טָאפּ כְּדֵי עֶס זָאל וֶוערְן גוּט גֶעקָאכְט.

גֵייט דֶער רֶבִּי אַריינְלֵייגְן די גַאנְצֶע תּוֹרָה אִין די וֶוערְטֶער פון רַבָּה בַּר בַּר חָנָא.

'בְּלוּעֵי דְקֹרַח' [די פְּלַאץ וואו קֹרַח אִיז גֶעוָוארְן אַיינְגֶעשְׁלִינְגֶען], דָאס מֵיינְט מֶען **כִּדְאִיתָא בַּמִּדְרָשׁ** אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּמִדְבַּר רַבָּה פָּרָשָׁה יח, ג; יְרוּשַׁלְמִי סַנְהֶדְרִין פֶּרֶק חֵלֶק ה"א): 'קֹרַח מִין הָיָה' קֹרַח אִיז גֶעוֶוען אַ מִין, אַן אַפִּיקוֹרֶס, הַיְנוּ דֶער 'טַיְעָא'

**וְאַחְרַךְ אַחְרוּכֵי** — הַנֵי גְּבָבֵי, וְאַף־עַל־פִּי שֶׁשָּׁרוּ אוֹתָהּ בְּמַיִם. **אַצִּית** — הַסְכֵּת וּשְׁמַע. **וְשִׁמְעַת דְּקָאָמְרֵי** — שֶׁהֲרֵי יָרְדוּ חַיִּים שְׁאוֹלָה. **כָּל תְּלָתִין יוֹמִין** — כָּל רֹאשׁ־חֹדֶשׁ. **בְּקַלַּחַת** — שֶׁמְּהַפְּכִין אוֹתוֹ כְּדֵי שֶׁתִּתְבַּשֵּׁל:

**בְּלוּעֵי** דְקֹרַח — כִּדְאִיתָא בַּמִּדְרָשׁ (בְּמִדְבַּר רַבָּה פָּרָשָׁה יח; יְרוּשַׁלְמִי סַנְהֶדְרִין פֶּרֶק חֵלֶק): **'קֹרַח מִין הָיָה', הַיְנוּ בְּחִינַת הָעֲבוֹדַת אֱלִילִים, מִינוּת. וְחָזַאי תְּרֵי בִּזְעֵי דְּהַוֵי נָפִיק מִנַּיְהוּ קִטְרָא. — הַיְנוּ בְּחִינַת הַחֲרוֹן־אַף שֶׁגּוֹרְמִים בְּמִינוּת, כְּמַאֲמַר חֲכָמֵינוּ, זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה: 'כָּל זְמַן שֶׁעֲבוֹדַת אֱלִילִים בָּעוֹלָם,**

- וָואס אִיז דֶער צַדִּיק - הָאט אִים גֶעוויזְן וָואס פַּאסִירְט וֶוען מֶען פַאלְט אַרָאפּ אִין די פְּגַם פון בְּחִינַת הָעֲבוֹדַת אֱלִילִים מִינוּת די גְרוֹיסֶע עֲבֵירָה פון עֲבוֹדָה זָרָה און מִינוּת; עֶר רוּפְט אָן די פְּגַם פון בַּעֲלֵי גַּאֲוָה - 'בְּלוּעֵי דְקֹרַח', וַוייל קֹרַח הָאט גֶעקְרִיגְט אוֹיף משֶׁה רַבֵּינוּ, עֶר הָאט גֶע'טַעֲנָה'ט (בַּמִּדְבָּר טז, ג): 'כָּל הָעֵדָה כּוּלָּם קְדוֹשִׁים' אַלֶע זֶענֶען הֵיילִיג, אַלֶע קֶענֶען דַאוְוענֶען, אִיז וָואס דַארְף מֶען גֵיין צוּם צַדִּיק צוּ משֶׁה רַבֵּינוּ? דָאס וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט אָנְהֵייבּ תּוֹרָה, אַז די בַּעֲלֵי גַּאֲוָה זָאגְן מֶען דַארְף נִישְׁט גֵיין צוּם צַדִּיק וְכוּ', וָואס דָאס אִיז עֲבוֹדָה זָרָה.

'וְחָזַאי תְּרֵי בִּזְעֵי דְּהַוֵי נָפִיק מִנַּיְהוּ קִטְרָא' [און אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען צְוֵויי שְׁפַּאלְטֶענֶעס וָואס אִיז אַרוֹיס דָארְט אַ רוֹיךְ], טַייטְשְׁט דֶער רֶבִּי הַיְנוּ בְּחִינַת הַחֲרוֹן אַף שֶׁגּוֹרְמִים בְּמִינוּת דָאס אִיז די גְרוֹיסֶע צָארְן וָואס קוּמְט אוֹיף די וֶועלְט דוּרְךְ די עֲבֵירָה פון עֲבוֹדָה זָרָה און מִינוּת, כְּמַאֲמַר חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סִפְרֵי פָּרָשַׁת רְאֵה, צו): **'כָּל זְמַן שֶׁעֲבוֹדַת אֱלִילִים בָּעוֹלָם'** וַוייל די גַאנְצֶע צַייט וָואס עֶס אִיז דָא אִין די וֶועלְט די עֲבֵירָה פון עֲבוֹדָה זָרָה, - 'חֲרוֹן

חֲרוֹן־אַף בְּעוֹלָם'; 'וּתְרֵי בִּזְעֵי', זֶה בְּחִינוֹת תְּרֵי נֻקְבֵי הָאַף, שֶׁיּוֹצֵא מֵהֶם הֶעָשָׁן, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (תְּהִלִּים י"ח): "עָלָה עָשָׁן בְּאַפּוֹ".

**וְשָׁקִיל גְּבָבָא דְעַמְרָא** — זֶה בְּחִינַת עֹמֶר כַּנַּ"ל, **וּמַשְׁיֵהּ בְּמַיָּא** — זֶה בְּחִינַת שְׂעוֹרִים, בְּחִינַת אֶסְתֵּר בְּרוּחַ־הַקֹּדֶשׁ, שֶׁהוּא בְּחִינַת רַגְלַיִן כַּנַּ"ל. כִּי הָרַגְלַיִן הֵם אֲפִיקֵי מַיִם, כִּי הֵם בְּחִינַת עַרְבֵי נַחַל,

**אַף בְּעוֹלָם'** ווערט דִינִים אויף די וֶועלט, **'וּתְרֵי בִּזְעֵי'** און די צְווייי שְׁפּאַלְטֶענֶעס – זֶה בְּחִינוֹת דָאס איז מְרַמֵּז תְּרֵי נֻקְבֵי הָאַף אויף די צְווייי נָאז לֶעכֶער. **שֶׁיּוֹצֵא מֵהֶם הֶעָשָׁן** וואס פון דָארְט גֵייט אַרויס די רויךְ, פון דָארְט קוּמֶען די דִינִים אויף די וֶועלְט, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב אַזוֹי ווי עֶס שְׁטֵייט אין פָּסוּק (תְּהִלִּים י"ח, ט): 'עָלָה עָשָׁן בְּאַפּוֹ' [עֶס איז אַרויס אַ רויךְ פון זַיין נָאז]; דָאס איז אַ מָשָׁל אויפְן צָארְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ צֶערְנְט גֵייט אַרויס רויךְ פון זַיינֶע נָאז לֶעכֶער. **דֶער** 'טַיְעָא', דָאס מֵיינְט מֶען דֶער צַדִּיק וואס איז מְבַטֵּל די גַּאֲוָה וואס איז אַזוֹי גֶעפֶערְלִיךְ ווי עֲבוֹדָה זָרָה – הָאט גֶעוויזְן פַאר רַבָּה בַּר בַּר חָנָה, ווי אַזוֹי מֶען קֶען דָאס פַארֶערְכְטְן, **'וְשָׁקִיל גְּבָבָא דְעַמְרָא'** [עֶר הָאט גֶענוּמֶען אַ שְׁטִיקֶל וואל] 'עַמְרָא' איז די זֶעלְבֶּע אוֹתִיּוֹת ווי 'עֹמֶר', זֶה בְּחִינַת עֹמֶר דָאס איז מְרַמֵּז אויפְן 'קָרְבַּן עֹמֶר', וואס 'עֹמֶר' איז די אוֹתִיּוֹת 'עֵין מוֹר', וואס ווייזְט אויף 'מָר דְּרוֹר' וואס דֶער תַּרְגּוּם זָאגְט 'מֵירָא דַכְיָא', דָאס איז 'מָרְדְּכַי הַצַּדִּיק', נִגְלוֹת הַתּוֹרָה, די חֵלֶק הֶענְט, כַּנַּ"ל אַזוֹי ווי אויבְן אויסְגֶעשְׁמוּעֶסְט (אות ח), **'וּמַשְׁיֵהּ בְּמַיָּא'** [און עֶר הָאט דָאס גֶעוֶוייקְט אין וואסֶער] זֶה בְּחִינַת שְׂעוֹרִים דָאס מֵיינְט מֶען 'גֶערְשְׁטְלֶעךְ', בְּחִינַת וואס די ווארְט 'שְׂעוֹרִים' איז מְרַמֵּז אויף די חֵלֶק 'נִסְתָּר' פון די תּוֹרָה, וואס איז די 'פִּיס', וואס איז 'אֶסְתֵּר', וַוייל 'שְׂעוֹרִים' איז די לָשׁוֹן הַפָּסוּק 'כִּשְׂעִירִים עֲלֵי דֶשֶׁא', וואס מֵיינְט 'רוּחַ' און דָאס איז 'אֶסְתֵּר', אַזוֹי ווי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (מְגִלָּה ז.): **'אֶסְתֵּר בְּרוּחַ הַקֹּדֶשׁ'** אֶסְתֵּר בְּרוּחַ הַקֹּדֶשׁ נֶאֶמְרָה, [מְגִלַּת אֶסְתֵּר איז גֶעשְׁרִיבְּן גֶעוואָרן מִיט 'רוּחַ הַקּוֹדֶשׁ'] **שֶׁהוּא בְּחִינַת** רַגְלַיִן וואס דָאס איז מְרַמֵּז אויף די חֵלֶק תּוֹרָה וואס איז בַּאהַאלְטְן – נִסְתָּר, אַזוֹי ווי די פִּיס וואס איז בַּאהַאלְטְן כַּנַּ"ל אַזוֹי ווי אויבְן אויסְגֶעשְׁמוּעֶסְט (אות ח). און וואס הָאט 'וַואסֶער' מִיט גֶערְשְׁטְלֶעךְ? **כִּי הָרַגְלַיִן** וַוייל די סְפִירוֹת זֶענֶען אויסְגֶעשְׁטֶעלְט ווי אַ גֶעשְׁטֶעל פון אַ מֶענְטְשׁ, הֶענְט, בּוֹיךְ, פִּיס, און די צְווייי סְפִירוֹת 'נֶצַח' און 'הוֹד' זֶענֶען אַנְטְקֶעגְן די פִּיס, **הֵם אֲפִיקֵי מַיִם** און זֵיי ווערְן אָנְגֶערוּפְן 'אֲפִיקֵי מַיִם', אַזוֹי ווי דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (פָּרָשַׁת אַחֲרֵי מוֹת, סח.): 'כָּל אִינוּן נַחֲלִין' די אַלֶע טַייכְן, 'נָגְדִין וְנָפְקִין וּמִתְכַּנְשִׁין בִּתְרֵי מַבּוּעִין' זֵיי קְוֶועלְן און גֵייעֶן צוּ די צְווייי קְוֶועלֶער, 'שֶׁנִּקְרָאִים נֶצַח וְהוֹד' וואס ווערְן אָנְגֶערוּפְן נֶצַח און הוֹד, **כִּי הֵם** און זֵיי – די צְווייי סְפִירוֹת 'נֶצַח און 'הוֹד' – **בְּחִינַת עַרְבֵי נַחַל** זֶענֶען מְרַמֵּז

כְּמַאֲמַר חֲכָמֵינוּ, זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (סֻכָּה נג.): 'רַגְלוֹהִי דְּבַר־נָשׁ אִנּוּן עָרְבִין לֵהּ'; 'עָרְבִין' — זֶה בְּחִינַת עַרְבֵי נַחַל, אֲפִיקֵי מַיִם, הַיְנוּ בְּחִינַת מָרְדְּכַי וְאֶסְתֵּר, בְּחִינַת יָדַיִם וְרַגְלַיִם, בְּחִינַת הַמְחָאַת כַּף וְרִקּוּדִין כַּנַּ"ל.

**וְאַנְחֵהּ** בְּרֵישֵׁהּ דְּרִמְחָא — רֹמַח, דָּא רוּחַ מֵ"ם, שֶׁהוּא מֵאַרְבַּע רוּחוֹת בֹּאִי הָרוּחַ, כִּי הַמֵּ"ם הִיא אַרְבַּע רוּחוֹת, שֶׁהִיא בְּחִינַת רוּחַ הַצַּדִּיק דְּנָשֵׁב בְּיָדַיִן וְרַגְלַיִן כַּנַּ"ל.

אויף די צְווייי עֲרָבוֹת וָואס וואַקְסן בַּיי אַ טַייך; און אַ רַאיָי הָאסְטוּ אַז די פיס וֶוערן אָנְגֶערוּפְן עָרְבִין, כְּמַאֲמַר חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סֻכָּה נג.): 'רַגְלוֹהִי דְּבַר נָשׁ אִנּוּן עָרְבִין לֵהּ' די פִּיס פוּנֶעם מֶענְטְשׁ זֶענֶען זַיינֶע עֲרֵבִים, זֶעט מֶען אַז די פִּיס וֶוערְן אָנְגֶערוּפְן מִיט די לָשׁוֹן פוּן עָרְבִין, 'עָרְבִין' זֶה בְּחִינַת עַרְבֵי נַחַל און עָרְבִין איז די לָשׁוֹן פוּן 'עַרְבֵי נַחַל', אֲפִיקֵי מַיִם און עַרְבֵי נַחַל איז דָאךְ 'וַואסֶער', הַיְנוּ און דָאס איז וָואס דֶער 'טַיְעָא' - דֶער צַדִּיק - הָאט גֶעטוּן, עֶר הָאט גֶעוָואלְט מְתַקֵּן זַיין די 'בְּלוּעֵי דְקֹרַח', די 'בַּעֲלֵי גַּאֲוָה' וָואס זֶענֶען נֶעבֶעךְ אַזוֹי פַארְזִינְקֶען בִּיז מִינוּת וְאַפִּיקוֹרְסוּת, הָאט עֶר אַרֵיינְגֶעשַיינְט אין זֵיי בְּחִינַת מָרְדְּכַי וְאֶסְתֵּר די הֵיילִיגְקֵייט פוּן מָרְדְּכַי הַצַּדִּיק און אֶסְתֵּר הַמַּלְכָּה, בְּחִינַת יָדַיִם וְרַגְלַיִם וָואס נֶעמֶען זֵייעֶר קְדוּשָׁה פוּן בֵּיידֶע חֲלָקִים פוּן די תּוֹרָה, פוּן די אָפֶּענֶע חֵלֶק פוּן די תּוֹרָה וָואס איז אַזוֹי וִוי די הֶענְט, און פוּן די בַּאהַאלְטֶענֶע חֵלֶק פוּן די תּוֹרָה וָואס איז אַזוֹי וִוי די פִּיס וָואס איז בַּאהַאלְטְן, בְּחִינַת הַמְחָאַת כַּף וְרִקּוּדִין וָואס דָאס איז די זַאךְ פוּן פַּאטְשְׁן און טַאנְצְן, כַּנַּ"ל אַזוֹי וִוי אוֹיבְן אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט, וַוייל פַּאטְשְׁן און טַאנְצְן וַוייזְט אַז די הֶענְט און די פִּיס בַּאקוּמֶען די רִיכְטִיגֶע כֹּחַ פוּן די גֵייסְט וָואס איז אין הָאָרֶץ, דָאס הֵייסְט פוּן די תּוֹרָה, און דֶער צַדִּיק וָואס בַּאקוּמְט זַיין הֵיילִיגֶע גֵייסְט (רוּחַ) פוּן די תּוֹרָה בִּשְׁלֵמוּת, בְּרֶענְגְט אַרֵיין אֱמוּנָה אין די וֶועלְט, און איז מַכְנִיעַ די בַּעֲלֵי גַּאֲוָה.

'וְאַנְחֵהּ בְּרֵישֵׁהּ דְּרִמְחָא' [און עֶר הָאט גֶעלֵייגְט די וָואל אויף די שְׁפִּיץ פוּן זַיין שְׁוֶוערְד], איז דֶער רֶבִּי מַסְבִּיר רֹמַח די וָוארְט 'רוֹמַח', דָּא רוּחַ מֵ"ם דָאס מֵיינְט מֶען די אוֹתִיוֹת 'רוּחַ-מ' שֶׁהוּא וָואס דָאס איז מְרַמֵּז אויף וָואס שְׁטֵייט אין פָּסוּק (יְחֶזְקֵאל לז, ט): 'כֹּה אָמַר ה' מֵאַרְבַּע רוּחוֹת' דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט פוּן די פִיר זַייטְן פוּן די וֶועלְט - 'בֹּאִי הָרוּחַ' וֶועט קוּמֶען דֶער לֶעבֶּעדִיגֶער גֵייסְט, און די טוֹיטֶע וֶועלְן זִיךְ אוֹיפְוֶועקְן; כִּי הַמֵּ"ם וַוייל די אוֹת מ' הִיא אַרְבַּע רוּחוֹת איז פַארְמַאכְט פוּן די פִיר זַייטְן, שֶׁהִיא בְּחִינַת רוּחַ הַצַּדִּיק דָאס איז די גֵייסְט פוּנֶעם צַדִּיק, דְּנָשֵׁב בְּיָדַיִן וְרַגְלַיִן וָואס בְּלָאזְט אַרֵיין אַ רוּחַ חַיִּים אין די הֶענְט און אין די פִּיס, וַוייל אַן עֶנְדֶע מֶ"ם איז פַארְמַאכְט פוּן פִיר זַייטְן, עֶס הָאט פִיר שְׁטְרַייכְן, דָאס איז מְרַמֵּז אויף די צְווייי הֶענְט און די צְווייי פִּיס, כַּנַּ"ל אַזוֹי וִוי אוֹיבְן אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט (אוֹת ו).

**וְרֹאשׁ הָרֹמַח הוּא הַצַּדִּיק, כִּי מִמֶּנּוּ תּוֹצְאוֹת הָרוּחַ, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב: "אִישׁ אֲשֶׁר רוּחַ בּוֹ" כַּנַּ"ל. וְאַפְקִינְהוּ, וְאִתְחֲרַךְ אִתְחֲרוּכֵי — אִתְחֲרַךְ, לְשׁוֹן חַיִּים וַאֲרִיכוּת יָמִים, כְּמַאֲמַר חֲכָמֵינוּ, זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה** (עֵרוּבִין נד:): **'לֹא יַחֲרֹךְ רְמִיָּה צֵידוֹ' — 'לֹא יִחְיֶה וְלֹא יַאֲרִיךְ', וְהַיְנוּ: 'וְאִיתְחֲרַךְ אִיתְחֲרוּכֵי', לְשׁוֹן חַיִּים וַאֲרִיכַת יָמִים; כִּי עַל-יְדֵי בִּטּוּל**

וְרֹאשׁ הָרֹמַח און דֶער שְׁפִּיץ פוּנֶעם שְׁוֶוערְד הוּא הַצַּדִּיק דָאס מֵיינְט מֶען דֶעם צַדִּיק, כִּי מִמֶּנּוּ תּוֹצְאוֹת הָרוּחַ ווייל בַּיים צַדִּיק בַּאקוּמְט מֶען לֶעבְּן, דֶער צַדִּיק עֶפְנְט די פַארְמַאכְטֶע מֶ"ם, דֶער צַדִּיק אִיז מַמְתִּיק אַלֶע דִינִים, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב אַזוֹי ווי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט פַאר מֹשֶׁה רַבֵּינוּ עֶר זָאל נֶעמֶען יְהוֹשֻׁעַ בִּן נוּן און אִים אוֹיפְנֶעמֶען צוּ פִירְן כְּלַל יִשְׂרָאֵל, מֶען בַּאטִיטְלְט יְהוֹשֻׁעַ (בַּמִּדְבָּר כז, יח): 'אִישׁ אֲשֶׁר רוּחַ בּוֹ' אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז דָא אִין אִים אַ לֶעבֶּעדִיגֶע גֵייסְט, דֶער צַדִּיק וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן 'רוּחַ', ווייל דֶער צַדִּיק בְּלָאזְט אַרַיין אִין זַיינֶע מֶענְטְשְׁן אַ לֶעבֶּעדִיגֶע גֵייסְט, כַּנַּ"ל אַזוֹי ווי אוֹיבְן אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט (אוֹת ה).

**דֶער** טַיְעָא הָאט גֶעוִויזְן פַאר רַבָּה בַּר בַּר חָנָה ווי אַזוֹי מֶען קֶען מְבַטֵּל זַיין די גַּאֲוָה, דוּרְךְ נֶעמֶען די 'עַמְרָא' און דָאס אַיינְטִינְקֶען אִין וַואסֶער; דָאס מֵיינְט מֶען די צְוֵויי חֲלָקִים תּוֹרָה, 'מָרְדְּכַי און אֶסְתֵּר' די חֵלֶק הֶענְט און די חֵלֶק פִּיס, און דָאס לֵייגְן אוֹיפְן שְׁפִּיץ פוּנֶעם שְׁוֶוערְד, דָאס מֵיינְט מֶען זָאל דָאס בְּרֶענְגֶען צוּם צַדִּיק, דֶער 'אִישׁ אֲשֶׁר רוּחַ בּוֹ', וָואס שַׁיינְט אַרַיין אִינֶעם מֶענְטְשׁ אֱמוּנָה און תְּפִלָּה, אַזוֹי וֶועט אַרַיינְגֵיין אַ לִיכְטִיגֶע גֵייסְט אִין די הֶענְט און אִין די פִּיס, מֶען וֶועט אָנְהֵייבְּן פַּאטְשְׁן און טַאנְצְן און עֶס וֶועט בָּטֵל וֶוערְן אַלֶע דִינִים, וָואס קוּמֶען פוּן עֲבוֹדָה זָרָה, כְּפִירוּת און אַפִּיקוֹרְסוּת.

**'וְאַפְקִינְהוּ וְאִתְחֲרַךְ אִתְחֲרוּכֵי'** [און וֶוען עֶר הָאט דָאס אַרוֹיסְגֶענוּמֶען אִיז גֶעוֶוען די וָואל פַארְבְּרֶענְט, פוּן די הֵייסְקֵייט פוּן די פֵייעֶר וָואס בְּרֶענְט דָארְט], 'אִתְחֲרַךְ' דָאס מֵיינְט מֶען לְשׁוֹן חַיִּים אַ לָשׁוֹן פוּן לֶעבְּן, וַאֲרִיכוּת יָמִים און אַ לָשׁוֹן פוּן אַ לַאנְגֶע לֶעבְּן, כְּמַאֲמַר חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה אַזוֹי ווי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (עֵרוּבִין נד:) עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (מִשְׁלֵי יב, כז): 'לֹא יַחֲרֹךְ רְמִיָּה צֵידוֹ' [דֶער פַאלְשֶׁער מֶענְטְשׁ, בְּרֶענְט נִישְׁט אָפּ זַיין גֶעפֶענְגֶענִישׁ, דָאס מֵיינְט עֶר אִיז נִישְׁט מַצְלִיחַ מִיט זַיין פַאלְשְׁקֵייט], זָאגְן די הֵיילִיגֶע חֲכָמִים אַז דֶער וָואס לֶערְנְט תּוֹרָה נִישְׁט פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאר זִיךְ גְרוֹיס צוּ הַאלְטְן - 'לֹא יִחְיֶה וְלֹא יַאֲרִיךְ' וֶועט נִישְׁט מַצְלִיחַ זַיין אִין לֶערְנֶען, עֶר וֶועט אַלֶעס פַארְגֶעסְן, און עֶר וֶועט נִישְׁט לֶעבְּן, און רַשִׁ"י זָאגְט דָארְט, דֶער לָשׁוֹן 'יַחֲרֹךְ' אִיז די נוֹטָרִיקוֹן פוּן די וֶוערְטֶער 'לֹא יִחְיֶה וְלֹא יַאֲרִיךְ', וְהַיְנוּ און דָאס אִיז פְּשַׁט אִין די וֶוערְטֶער: 'וְאִיתְחֲרַךְ אִיתְחֲרוּכֵי' אַז דוּרְכְן קוּמֶען צוּם צַדִּיק אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ מְבַטֵּל זַיין די גַּאֲוָה, לְשׁוֹן 'חַיִּים וַאֲרִיכַת יָמִים' אַ לָשׁוֹן פוּן לַאנְג לֶעבְּן, כִּי עַל יְדֵי בִּטּוּל הַגַּאֲוָה ווייל אַז די גַּאֲוָה

**הַגַּאֲוָה, הַיְנוּ הָעֲבוֹדָה זָרָה, עַל־יְדֵי־זֶה הַחָכְמָה עַל תִּקּוּנָהּ כַּנַּ"ל, וְעַל־יְדֵי חָכְמָה יִחְיֶה וְיַאֲרִיךְ יָמִים, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב** (קֹהֶלֶת ז): **"הַחָכְמָה תְּחַיֶּה" וְכוּ'.**

**אָמַר לִי: אַצִּית לְהוּ וְשִׁמְעַת דְּאָמְרִין: מֹשֶׁה וְתוֹרָתוֹ אֱמֶת — שֶׁהֵן מוֹדִין עַל הָאֱמֶת; כִּי כְּשֶׁמִּתְקָרֵב אֶת עַצְמוֹ לְצַדִּיקִים כְּדֵי לְקַבֵּל מֵהֶם הָרוּחַ כַּנַּ"ל, וְעַל־יְדֵי־זֶה נִשְׁבָּר הַגַּאֲוָה וְהָעֲבוֹדָה זָרָה, וְאָז מַכִּירִין אֲפִלּוּ אֵלּוּ שֶׁהֵם מִסִּטְרָא דְּמוֹתָא אֶת גְּדֻלַּת הַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ כַּנַּ"ל.**

וֶוערט בָּטֵל הַיְנוּ דָאס הייסט הָעֲבוֹדָה זָרָה וֶוען די עֲבוֹדָה זָרָה וֶוערט בָּטֵל, (גַּאֲוָה און עֲבוֹדָה זָרָה זֶענֶען איין זַאךְ, אַזוֹי ווי אויבְן אויסְגֶעשְׁמוּעֶסְט) – עַל יְדֵי זֶה הַחָכְמָה עַל תִּקּוּנָהּ דוּרְכְדֶעם פַארְלִירְט מֶען נִישְׁט די חָכְמָה און שֵׂכֶל און דוּרְכְדֶעם הייבְּט מֶען אָן לֶעבְּן מִיטְן אייבֶּערְשְׁטְן, כַּנַּ"ל אַזוֹי ווי אויבְן אויסְגֶעשְׁמוּעֶסְט (אות ד), אַז אויבּ מֶען הָאט חַס וְשָׁלוֹם יָא גַּאֲוָה פַארְלִירְט מֶען די חָכְמָה, וְעַל יְדֵי חָכְמָה און אַז מֶען לֶעבְּט מִיטְן אייבֶּערְשְׁטְן – יִחְיֶה לֶעבְּט מֶען, וְיַאֲרִיךְ יָמִים און מֶען לֶעבְּט אַ לַאנְגֶע לֶעבְּן, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב אַזוֹי ווי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (קֹהֶלֶת ז, יב): 'הַחָכְמָה תְּחַיֶּה' די חָכְמָה בְּרֶענְגְט לֶעבְּן וְכוּ'.

'אָמַר לִי' הָאט מִיר דֶער טַיְעָא גֶעזָאגְט – דֶער 'טַיְעָא' דָאס אִיז דֶער צַדִּיק אֱמֶת, אַזוֹי ווי אויסְגֶעשְׁמוּעֶסְט אִין די פְרִיעֶרְדִיגֶע תּוֹרוֹת סִימָן ז' ח' ט', אַז טַיְעָא מֵיינְט אַ 'סוֹחֵר יִשְׁמָעֵאל', דֶער צַדִּיק וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן 'סוֹחֵר' אַ לָשׁוֹן פוּן 'סְחוֹר', סְחוֹר מֵיינְט עֶר נֶעמְט אַרוּם דֶעם מֶענְטְשׁ מִיט אֱמוּנָה, אַזוֹי ווי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים פט, ט): 'וֶאֱמוּנָתְךָ סְבִיבוֹתֶיךָ', און עֶר לֶערְנְט אויס מֶען זָאל נָאר עוֹסֵק זַיין אִין 'תְּפִלָּה', דָאס

אִיז מְרוּמָּז אִין די נָאמֶען 'יִשְׁמָעֵאל', אַזוֹי ווי דֶער תַּרְגּוּם זָאגְט אויפְן פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית טז, יא): 'כִּי שָׁמַע הַשֵּׁם אֶל עָנְיֵךְ' – קַבֵּל ה' יַת צְלוֹתֵךְ. 'אַצִּית לְהוּ וְשִׁמְעַת דְּאָמְרִין: מֹשֶׁה וְתוֹרָתוֹ אֱמֶת' [בֵּייג צוּ דַיינֶע אוֹיעֶרְן און הֶער די גֶערִידֶער וָואס קוּמְט אַרוֹיס פוּן די שְׁפַּאלְט, און אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט ווי קֹרַח מִיט זַיין גֶעמֵיינְדֶע זָאגְן 'מֹשֶׁה אִיז אֱמֶת און זַיין תּוֹרָה אִיז אֱמֶת, און מִיר זֶענֶען לִיגְנֶערְס'] שֶׁהֵן מוֹדִין עַל הָאֱמֶת אַז זֵיי זֶענֶען אוֹיךְ מוֹדֶה אויפְן אֱמֶת; כִּי כְּשֶׁמִּתְקָרֵב אֶת עַצְמוֹ לְצַדִּיקִים וַוייל וֶוען מֶען וֶוערְט מְקוֹרָב צוּם צַדִּיק כְּדֵי לְקַבֵּל מֵהֶם הָרוּחַ און מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ בַּאקוּמֶען אַ לֶעבֶּעדִיגֶע גֵייסְט כַּנַּ"ל אַזוֹי ווי אויבְן אויסְגֶעשְׁמוּעֶסְט (אות ה), וְעַל יְדֵי זֶה נִשְׁבָּר הַגַּאֲוָה וְהָעֲבוֹדָה זָרָה דוּרְכְדֶעם וֶוערְט בָּטֵל די גַּאֲוָה און די עֲבוֹדָה זָרָה, מֶען הֵייבְּט אָן שְׁפִּירְן דֶעם אייבֶּערְשְׁטְן, און נִישְׁט נָאר די עֶרְלִיכֶע אִידְן שְׁפִּירְן דָאס, וְאָז מַכִּירִין אֲפִלּוּ אֵלּוּ שֶׁהֵם מִסִּטְרָא דְּמוֹתָא אֶת גְּדֻלַּת הַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ און אֲפִילוּ די גָאר וַוייטֶע מֶענְטְשְׁן, די וָואס זֶענֶען נֶעבֶּעךְ אַרַיינְגֶעפַאלְן בַּיי די סִטְרָא אַחֲרָא – הֵייבְּן אוֹיךְ אָן זֶען דֶעם אייבֶּערְשְׁטְן, כַּנַּ"ל אַזוֹי ווי אויבְן אויסְגֶעשְׁמוּעֶסְט (אות ג).

**וְאָמַר** לִי: כָּל שְׁלֹשִׁים יוֹמִין **מְהַדְּרָא** לְהוּ גֵּיהִנֹּם לְהָכָא וְאָמְרֵי הָכִי: מֹשֶׁה וְתוֹרָתוֹ אֱמֶת — פֵּרֵשׁ רַבֵּנוּ שְׁמוּאֵל: בְּכָל רֹאשׁ־חֹדֶשׁ. כִּי כָּל דָּבָר יֵשׁ לוֹ שֹׁרֶשׁ, וְשֹׁרֶשׁ הַתְּשׁוּבָה הוּא רֹאשׁ־חֹדֶשׁ, כִּי בְּרֹאשׁ־חֹדֶשׁ אָמַר הַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־הוּא: הָבִיאוּ עָלַי כַּפָּרָה, כְּמוֹ שֶׁדָּרְשׁוּ רַבּוֹתֵינוּ, זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה *) (שְׁבוּעוֹת ט.), וְזֶה בְּחִינַת תְּשׁוּבָה, וְהַתְּשׁוּבָה

[דָאס אִיז גֶעוֶוען דִי גַאנְצֶע מַחֲלֹקֶת וָואס קֹרַח הָאט גֶעקְרִיגְט אוֹיף מֹשֶׁה רַבֵּינוּ; קֹרַח הָאט גֶעוָואלְט זַיין רֶבִּי, עֶר הָאט מְקַנֵּא גֶעוֶועזְן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ בַּעַל גַּאֲוָה אוּן דָאס הָאט אִים גֶעבְּרֶענְגְט צוּ וֶוערְן אַ 'מִין' אוּן אַן 'אַפִּיקוֹרֶס', עֶר הָאט אָפְּגֶעשְׁפֶּעט פוּן דִי מִצְוֹת, סְפֶּעצִיעל פוּן מִצְוֹת 'צִיצִית' אוּן 'מְזוּזָה', וָואס דִי צְוֵויי מִצְוֹת בְּרֶענְגֶען אַ 'רוּחַ חַיִּים' אוֹיפְן מֶענְטְשׁ; 'מְזוּזָה' - זָאגְט דֶער זוֹהַר (הַשְׁמָטוֹת הַזּוֹהַר פָּרָשַׁת שְׁלַח, דַּף ש:) - אִיז דִי אוֹתִיּוֹת 'זָז' 'מָוֶת', עֶס נֶעמְט אַוֶועק דִי טוֹיט, עֶס גֶעבְּט רוּחַ חַיִּים, אוּן 'צִיצִית' זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (יְרוּשַׁלְמִי בְּרָכוֹת א, ב), וֶוער עֶס אִיז מְקַיֵּים דִי מִצְוָה פוּן צִיצִית - 'זוֹכֶה וּמְקַבֵּל פְּנֵי הַשְּׁכִינָה' אִיז זוֹכֶה צוּ זֶען דִי שְׁכִינָה; דָאס מֵיינְט אַז מֶען בַּאקוּמְט אַ רוּחַ חַיִּים, מֶען הֵייבְּט אָן שְׁפִּירְן דִי זִיסֶע גֶעשְׁמַאקֶע אַיינְגֶענֶעמֶע לִיכְטִיגְקֵייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אָבֶּער קֹרַח הָאט גֶעשְׁרִיגְן (בַּמִּדְבָּר טז, ג): 'כָּל הָעֵדָה כּוּלָם קְדוֹשִׁים' אַלֶע זֶענֶען הֵיילִיג, אַלֶע קֶענֶען דַאוֶונֶען, אִיז וָואס דַארְף מֶען גֵיין צוּם צַדִּיק, צוּ מֹשֶׁה רַבֵּינוּ?! וַוייל דִי גַּאֲוָה הָאט אִים נִישְׁט גֶעלָאזְט גֵיין צוּם צַדִּיק, אוּן דֶערִיבֶּער הָאבְּן זֵיי גֶעבְּרֶענְגְט אוֹיף זִיךְ דִי גְרוֹיסֶע חֲרוֹן אַף וָואס קוּמְט פוּן עֲבוֹדָה זָרָה, אַזוֹי וִוי אוֹיבְּן אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט].

'**וְאָמַר לִי**' אוּן דֶער טַיְעָא - דֶער צַדִּיק - הָאט מִיר גֶעזָאגְט: '**כָּל שְׁלֹשִׁים יוֹמִין**' [יֶעדֶע דְרַייסִיג טֶעג] '**מְהַדְּרָא לְהוּ גֵּיהִנֹּם לְהָכָא**' [בְּרֶענְגְט זֵיי דֶער גֵיהִנֹּם צוּרִיק אַהֶער דָא אוֹיף דִי וֶועלְט, צוּ דִי פְּלַאץ וואו זֵיי זֶענֶען אַיינְגֶעשְׁלִינְגֶען גֶעוָוארְן], '**וְאָמְרֵי הָכִי**' [אוּן זֵיי זָאגְן]: '**מֹשֶׁה וְתוֹרָתוֹ אֱמֶת**' [מֹשֶׁה אִיז אֱמֶת אוּן זַיין תּוֹרָה אִיז אֱמֶת], **פֵּרֵשׁ רַבֵּנוּ שְׁמוּאֵל**: אוּן דֶער רַשְׁבַּ"ם זָאגְט, אַז דִי דְרַייסִיג טֶעג אִיז '**בְּכָל רֹאשׁ חֹדֶשׁ**' יֶעדֶע רֹאשׁ חוֹדֶשׁ; אוּן אִינְטֶערֶעסַאנְט אִיז, וֶוער זָאגְט אַז דָאס הָאט מִיט רֹאשׁ חוֹדֶשׁ, פוּן וואו נֶעמְט דָאס דֶער רַשְׁבַּ"ם? נָאר וָואס דֶען, **כִּי כָּל דָּבָר יֵשׁ לוֹ שֹׁרֶשׁ** וַוייל יֶעדֶע זַאךְ אוֹיף דִי וֶועלְט הָאט אַ שׁוֹרֶשׁ, אַזוֹי וִוי אַ וָוארְצְל, אַ פְּלַאץ פוּן וואו עֶס קוּמְט דִי זַאךְ, **וְשֹׁרֶשׁ הַתְּשׁוּבָה** אוּן פוּן וואו אִיז דִי פְּלַאץ פוּן וואו תְּשׁוּבָה קוּמְט? **הוּא רֹאשׁ חֹדֶשׁ** פוּן רֹאשׁ חוֹדֶשׁ, **כִּי בְּרֹאשׁ חֹדֶשׁ** וַוייל רֹאשׁ חוֹדֶשׁ - '**אָמַר הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא**' זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער - '**הָבִיאוּ עָלַי כַּפָּרָה**' בְּרֶענְגְט מִיר אַ כַּפָּרָה אוֹיף דֶעם וָואס אִיךְ הָאבּ קְלֶיין גֶעמַאכְט דִי לְבָנָה, **כְּמוֹ שֶׁדָּרְשׁוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה** אַזוֹי וִוי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (שְׁבוּעוֹת ט.), **וְזֶה בְּחִינַת תְּשׁוּבָה** אוּן דָאס אִיז אַזוֹי וִוי אַ תְּשׁוּבָה כִּבְיָכוֹל

בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף זָאגְן אַזַא זַאךְ כִּבְיָכוֹל, אַז עֶר הָאט חֲרָטָה אוֹיף אַ זַאךְ וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן, **וְהַתְּשׁוּבָה הַזֹּאת** אוּן דִי תְּשׁוּבָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן **נִשְׁתַּלְשְׁלָה בְּכָל הַנִּבְרָאִים בְּרֹאשׁ חֹדֶשׁ** קוּמְט צוּ אַלֶע בַּאשֶׁעפֶענִישְׁן, צוּ דִי גַאנְצֶע וֶועלְט – יֶעדֶע רֹאשׁ חוֹדֶשׁ, **וּבִשְׁבִיל זֶה** אוּן דֶערִיבֶּער **גַּם קֹרַח וַעֲדָתוֹ מֻכְרָחִים לְאֵיזֶה חֲרָטָה בְּרֹאשׁ חֹדֶשׁ** קוּמְט אָן צוּ קֹרַח אוּן אוֹיךְ צוּ זַיין גֶעמֵיינְדֶע אַ הִתְעוֹרְרוּת צוּ תְּשׁוּבָה, אוּן זֵיי הָאבְּן חֲרָטָה אוֹיף וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעטוּן.

**אֲבָל הַתְּשׁוּבָה אֵינָהּ מוֹעִיל לָהֶם,** אָבֶּער דִי תְּשׁוּבָה הֶעלְפְט זֵיי נִישְׁט, **כִּי עִקַּר הַתְּשׁוּבָה הִיא רַק בָּעוֹלָם הַזֶּה,** וַוייל דִי עִקָּר פוּן תְּשׁוּבָה טוּן אִיז וֶוען מֶען אִיז נָאךְ אוֹיף דִי וֶועלְט, אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (עֲבוֹדָה זָרָה ג.): **כִּי** 'מִי שֶׁטָּרַח בְּעֶרֶב שַׁבָּת' וַוייל נָאר דֶער וָואס גְרֵייט זִיךְ אָן עֶרֶב שַׁבָּת וֶועט הָאבְּן וָואס צוּ עֶסְן אִין שַׁבָּת וְכוּ', 'וּמִי שֶׁלֹּא טָרַח בְּעֶרֶב שַׁבָּת' אוּן דֶער וָואס גְרֵייט זִיךְ נִישְׁט אָן עֶרֶב שַׁבָּת, 'מֵהֵיכָן יֹאכַל בְּשַׁבָּת' פוּן וואוּ וֶועט עֶר הָאבְּן וָואס צוּ עֶסְן אִין שַׁבָּת? אוּן רַשִׁ"י זָאגְט דָארְט (דִּבּוּר הַמַּתְחִיל בְּעֶרֶב שַׁבָּת): עֶרֶב שַׁבָּת מֵיינְט מֶען 'עוֹלָם הַזֶּה', וַוייל נָאר דֶער וָואס הָאט תְּשׁוּבָה גֶעטוּן וֶוען עֶר הָאט גֶעלֶעבְּט אוֹיף דִי וֶועלְט – דֶער וֶועט הָאבְּן גַן עֵדֶן אוּן עוֹלָם הַבָּא, **וְנִמְצָא** קוּמְט אוֹיס, קֹרַח מִיט זַיין גֶעמֵיינְדֶע הָאבְּן גֶעקְרִיגְט אוֹיף מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אוּן נִישְׁט תְּשׁוּבָה גֶעטוּן בַּיים לֶעבְּן, **בְּוַדַּאי לֹא נִפְטָרִין** וֶוערְן זֵיי נִישְׁט פָּטוּר פוּן דִי שְׁטְרָאף פוּן גֵיהִנּוֹם **בְּזֶה הַהוֹדָאָה שֶׁהֵן מִתְחָרְטִין וּמוֹדִין מִדִּין גֵּיהִנּוֹם** דוּרְכְדֶעם וָואס זֵיי טוּעֶן יֶעצְט תְּשׁוּבָה אִין גֵיהִנּוֹם אוּן זֵיי זֶענֶען מוֹדֶה אַז מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז גֶערֶעכְט; אָבֶּער ווִיבַּאלְד דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דָאךְ רַחֲמָנוּת אוֹיף זֵיי, אוּן ווִיל אַז זֵיי זָאלְן תְּשׁוּבָה טוּן אוּן הָאבְּן אַ תַּקָּנָה, **וְעַל כֵּן מְהַדְרָא לְהוּ גֵּיהִנּוֹם** דֶערִיבֶּער מַאכְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז יֶעדֶע רֹאשׁ חוֹדֶשׁ בְּרֶענְגְט זֵיי דִי גֵיהִנּוֹם צוּרִיק **לְהָכָא** אוֹיף דִי וֶועלְט, דָארְט בַּיי דִי פְּלַאץ וואוּ זֵיי זֶענֶען אַיינְגֶעזִינְקֶען גֶעוָוארְן, אַז זֵיי זָאלְן קֶענֶען תְּשׁוּבָה טוּן, **כִּי אֵין נִפְטָרִין בָּזֶה** וַוייל זֵיי וֶוערְן נִישְׁט פָּטוּר מִיט דֶעם וָואס זֵיי זִיצְן אִין גֵיהִנּוֹם אוּן טוּעֶן דָארְט תְּשׁוּבָה, וַוייל אִין גֵיהִנּוֹם וֶוען מֶען אִיז שׁוֹין נִישְׁט דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט הֶעלְפְט נִישְׁט תְּשׁוּבָה, דֶערִיבֶּער מוּזְן זֵיי צוּרִיק קוּמֶען דָא אוּן דָא אוֹיף דִי וֶועלְט תְּשׁוּבָה טוּן.

**הַזֹּאת נִשְׁתַּלְשְׁלָה בְּכָל הַנִּבְרָאִים בְּרֹאשׁ־חֹדֶשׁ, וּבִשְׁבִיל זֶה גַּם קֹרַח וַעֲדָתוֹ מֻכְרָחִים לְאֵיזֶה חֲרָטָה בְּרֹאשׁ־חֹדֶשׁ.**

**אֲבָל הַתְּשׁוּבָה אֵינָהּ מוֹעִיל לָהֶם, כִּי עִקַּר הַתְּשׁוּבָה הִיא רַק בָּעוֹלָם הַזֶּה, כִּי מִי שֶׁטָּרַח בְּעֶרֶב־שַׁבָּת וְכוּ'** (עֲבוֹדָה זָרָה ג.)**; וְנִמְצָא בְּוַדַּאי לֹא נִפְטָרִין בְּזֶה הַהוֹדָאָה שֶׁהֵן מִתְחָרְטִין וּמוֹדִין מִדִּין גֵּיהִנּוֹם, וְעַל כֵּן מְהַדְרָא לְהוּ גֵּיהִנּוֹם לְהָכָא, כִּי אֵין נִפְטָרִין בָּזֶה.**

**וְאַף עַל־פִּי־כֵן אֵין גֵּיהִנּוֹם בְּרֹאשׁ־חֹדֶשׁ כְּמוֹ בִּשְׁאָר יָמִים** (זֹהַר תְּרוּמָה קנ:), **וְהַגֵּיהִנּוֹם שֶׁל רֹאשׁ־חֹדֶשׁ אֵינוֹ אֶלָּא הַחֲרָטָה, שֶׁמִּתְחָרְטִים וּמוֹדִים וּמִתְבַּיְּשִׁין, זֶה בְּעַצְמוֹ גֵּיהִנּוֹם שֶׁלָּהֶם. וְזֶהוּ דְּדַיֵּק: מְהַדְּרָא לְהוֹ גֵּיהִנּוֹם לְהָכָא, דְּהַיְנוּ מַה שֶּׁמְּהַדְּרָא לְהוֹ לְהָכָא, שֶׁחוֹזְרִים וּמוֹדִים, הוּא הַגֵּיהִנּוֹם שֶׁלָּהֶם.**

**וְאַף** עַל פִּי כֵן און אֲפִילוּ בֶּאֱמֶת קֶען מֶען שוֹין נִישְׁט צוּרִיק קוּמֶען פוּן גֵיהִנּוֹם תְּשׁוּבָה צוּ טוּן, וַוייל חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בָּבָא קַמָּא נ.), וֶוער עֶס זָאגְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אַ וַתְּרָן, עֶר וֶועט נָאכְגֶעבְּן אוֹיף זִינְד – 'יְוַתְּרוּ חַיָּיו' זָאל עֶר פַארְלִירְן זַיין לֶעבְּן; אִיז וִוי קֶען זַיין אַז קֹרַח אוּן זַיין עֵדָה קֶענֶען אַרוֹיסְגֵיין פוּן גֵיהִנּוֹם?! פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן דָאךְ אִיז אִין רֹאשׁ חוֹדֶשׁ גְרִינְגֶער, וַוייל **אֵין** גֵּיהִנּוֹם בְּרֹאשׁ חֹדֶשׁ כְּמוֹ בִּשְׁאָר יָמִים דִי גֵּיהִנּוֹם גֵייט נִישְׁט אָן רֹאשׁ חוֹדֶשׁ וִוי גֶעוֶוענְלִיךְ, אַזוֹי וִוי עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין זוֹהַר (זֹהַר תְּרוּמָה קנ:) אַז דִי גֵּיהִנּוֹם אִיז דֶעמָאלְט פַארְלָאשְׁן, דֶערִיבֶּער הָאבְּן זֵיי דֶעמָאלְט אַ גֶעלֶעגְנְהֵייט צוּרִיק צוּ קוּמֶען דָא אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן תְּשׁוּבָה טוּן אוּן פַארְרֶעכְטְן זֵייעֶר פְּגַם, וְהַגֵּיהִנּוֹם שֶׁל רֹאשׁ חֹדֶשׁ אוּן דִי גֵיהִנּוֹם פוּן רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אִיז נִישְׁט דִי גֶעוֶוענְלִיכֶע גֵיהִנּוֹם, וַוייל דִי גֵּיהִנּוֹם אִיז פַארְלָאשְׁן, דִי גֵּיהִנּוֹם פוּן רֹאשׁ חוֹדֶשׁ **אֵינוֹ אֶלָּא** הַחֲרָטָה אִיז נָאר דָאס וָואס זֵיי הָאבְּן חֲרָטָה, דָאס וָואס זֵיי וֶוערְן פַארְשֶׁעמְט, דוּרְךְ דָאס זֶען מִיט דִי אוֹיגְן וָואס מֶען הָאט גֶעטוּן, אוּן זֵיי פַארְרֶעכְטְן אוֹיף דִי וֶועלְט מִדָּה כְּנֶגֶד מִדָּה, שֶׁמִּתְחָרְטִים דוּרְךְ דָאס חֲרָטָה הָאבְּן, וּמוֹדִים אוּן דָאס מוֹדֶה זַיין, וּמִתְבַּיְּשִׁין אוּן דָאס פַארְשֶׁעמְט וֶוערְן – זֶה בְּעַצְמוֹ גֵּיהִנּוֹם שֶׁלָּהֶם וָואס מִיט דֶעם אַלֵיין קוּמֶען זֵיי אָפּ זֵייעֶר גֵיהִנּוֹם, וְזֶהוּ דְּדַיֵּק אוּן דָאס אִיז וָואס עֶר דְרוּקְט זִיךְ אוֹיס דִי וֶוערְטֶער 'מְהַדְּרָא לְהוֹ גֵּיהִנּוֹם לְהָכָא', דְּהַיְנוּ, מַה שֶּׁמְּהַדְּרָא לְהוֹ **לְהָכָא** דָאס וָואס מֶען בְּרֶענְגְט זֵיי צוּרִיק אוֹיף דִי וֶועלְט, שֶׁחוֹזְרִים זֵיי קוּמֶען דָא צוּרִיק וּמוֹדִים אוּן זֶענֶען מוֹדֶה אִינֶעם צַדִּיק דָא אוֹיף דִי וֶועלְט – הוּא הַגֵּיהִנּוֹם שֶׁלָּהֶם מִיט דֶעם קוּמֶען זֵיי אָפּ דֶעם גֵיהִנּוֹם אוּן הָאבְּן אַ תַּקָּנָה.

[אַזוֹי אוֹיךְ דִי בַּעֲלֵי גַּאֲוָה, זֵייעֶר עִקָּר תִּיקּוּן אִיז, זֵיי זָאלְן גֵיין צוּם צַדִּיק, אוּן דוּרְכְן צַדִּיק וָואס בַּיי אִים אִיז דָא דֶער רוּחַ חַיִּים, דֶער הֵיילִיגֶער גֵייסְט – וֶוערְט צֶעבְּרָאכְן זֵייעֶר רוּחַ גְּבוֹהַּ, זֵייעֶר גַּאֲוָה, אוּן מִיט דֶעם וָואס זֵיי גֵייעֶן צוּם צַדִּיק אוּן זֵיי זֶענֶען מוֹדֶה אַז עֶס אִיז דָא אַ צַדִּיק, מִיט דֶעם אַלֵיינְס וֶוערְט צֶעבְּרָאכְן זֵייעֶר גַּאֲוָה, אוּן דָאס אִיז זֵייעֶר תְּשׁוּבָה אוּן זֵייעֶר גֵיהִנּוֹם, וַוייל בְּדֶרֶךְ כְּלַל דִי בַּעֲלֵי גַּאֲוָה ווילְן נִישְׁט אוּן קֶענֶען נִישְׁט מוֹדֶה זַיין אִינֶעם אֱמֶת'ן צַדִּיק, וָואס אִיז בָּטֵל וּמְבוּטָל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערִיבֶּער דָאס אַלֵיינְס אַז זֵיי קוּמֶען צוּם צַדִּיק, זֵיי זֶענֶען מוֹדֶה אִינֶעם צַדִּיק – דָאס אִיז זֵייעֶר גֵּיהִנּוֹם].

י

**יעצט** גייט דער רבי צאמפלעכטן די גאנצע תורה און דאס אריינלייגן אינעם פסוק מיט וואס ער האט אנגעהויבן זאגן די תורה.

**י וזה פרוש: ואלה המשפטים אשר תשים לפניהם. כי איתא במכילתא: 'אשר תשים לפניהם — השוו אשה לאיש לכל דינים שבתורה'; פרוש, לכל דינים שבתורה שצריך להמתיקם, צריך להשוות, היינו ליחד, קדשא־בריך־הוא ושכינתה, שהוא בחינת אשה ואיש, בחינת מרדכי ואסתר.**

**וזה** פרוש און דאס איז מרומז אינעם פסוק (שמות כא, א): 'ואלה המשפטים אשר תשים לפניהם' [און דאס זענען די דינים וואס דו זאלסט לייגן פאר די אידן], **כי איתא במכילתא** ווייל עס ווערט געברענגט אין מדרש (מכילתא משפטים פרשה ו' - בבא קמא טו.) אויפן פסוק 'אשר תשים לפניהם [וואס דו זאלסט לייגן פאר זיי], השוו אשה לאיש לכל דינים שבתורה' אז עס איז צוגעגליכן א פרוי צו א מאן פאר אלע דינים פון די תורה, אפילו עס זענען דא מצות וואס פרויען זענען נישט מחויב, אבער ביי דינים פון געלט זאכן זענען זיי ביידע גלייך, פרוש טייטשט דער רבי מער טיפער, אז די ווארט 'דינים' מיינט מען - לכל דינים שבתורה די 'דינים' און ביטערע גזירות וואס גייט אריבער אויפן מענטש, שצריך להמתיקם וואס מען דארף זיי זיס מאכן און מבטל זיין, צריך להשוות דארף מען צוגלייכן היינו דאס מיינט ליחד קדשא בריך הוא ושכינתה מאכן א יחוד פונעם אייבערשטן מיט די שכינה שהוא בחינת אשה ואיש וואס דאס ווערט אויך אנגערופן 'איש' ו'אשה', דער אייבערשטער ווערט אנגערופן 'איש' און די שכינה ווערט אנגערופן 'אשה', בחינת מרדכי ואסתר וואס דאס איז קדושת מרדכי און אסתר, ווייל מרדכי הצדיק איז נגלה און אסתר איז נסתר, און מען דארף זיי ביידע לייגן אינאיינעם צו ווייזן אז אויך אין 'נגלה' איז דארט באהאלטן דער אייבערשטער, און אזוי ווערט נמתק אלע דינים.

[ווייל די עקר דינים איז ווען מען פארגעסט פונעם אייבערשטן, מען מיינט אז זאכן ווערן געטון אן אים, מען שיידט אפ 'נגלה' פון 'נסתר', מען טיילט אפ 'די וועלט' פון 'יענע וועלט', אבער ווען מען לייגט צאם אלעס וואס פאסירט מיטן מענטש, אז אלעס האט מיטן אייבערשטן, מען מאכט א יחוד פון 'קודשא בריך הוא' מיט די 'שכינה', די 'שכינה' דאס איז דער 'איד', נשמת ישראל, דער 'חלק אלקי ממעל', מען לייגט צוזאמען 'איש' מיט 'אשה', 'מרדכי' מיט 'אסתר' - ווערן נמתק אלע דינים; דאס איז טייטש 'ואלה המשפטים' אז עס איז דא משפטים, דינים - 'אשר תשים לפניהם', איז די עצה: 'השוו אשה לאיש' לייג צאם אלעס פון דיר צום אייבערשטן - וועלן נמתק ווערן אלע דינים].

**וְזֶה פֵּרוּשׁ: וְאֵלֶּה — 'כָּל מָקוֹם שֶׁנֶּאֱמַר וְאֵלֶּה, מוֹסִיף עַל הָרִאשׁוֹנִים'** (בְּרֵאשִׁית רַבָּה, נֹחַ פָּרָשָׁה ל), **בְּחִינַת תּוֹסֶפֶת וְרִבּוּי, בְּחִינַת גַּאֲוָה, עֲבוֹדָה זָרָה, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב** (דְּבָרִים ז): **"לֹא מֵרֻבְּכֶם חָשַׁק ה'", שֶׁפֵּרוּשׁוֹ גַּאֲוָה. וְזֶה בְּחִינַת: 'מוֹסִיף עַל הָרִאשׁוֹנִים', שֶׁהוּא בְּחִינַת הָמָן־עֲמָלֵק, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב** (בְּמִדְבַּר כ"ד): **"רֵאשִׁית גּוֹיִם עֲמָלֵק", וְתִקּוּנוֹ: הַמִּשְׁפָּטִים, בְּחִינַת רוּחַ, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב**

**וְזֶה פֵּרוּשׁ** 'וְאֵלֶּה' און דאס איז מְרוּמָז אין די וָוארט 'וְאֵלֶּה', ווייל עֶס שְׁטֵייט 'וְאֵלֶּה' מִיט אַ ו', און חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה, נֹחַ פָּרָשָׁה ל, ג): **'כָּל מָקוֹם שֶׁנֶּאֱמַר וְאֵלֶּה'** אִיבֶּערָאל וואו עֶס שְׁטֵייט 'וְאֵלֶּה' מִיט אַ ו', **'מוֹסִיף עַל הָרִאשׁוֹנִים'** קוּמְט דָאס עֶפֶּעס צוּלֵייגְן, זָאגְט דֶער רֶבִּי נָאךְ מֶער טִיפֶער, אַז דִי וָוארְט 'וְאֵלֶּה' אִיז 'מוֹסִיף' **בְּחִינַת תּוֹסֶפֶת וְרִבּוּי** דָאס ווייזְט אוֹיף 'מֶער' און אוֹיף 'אַסַאךְ', **בְּחִינַת גַּאֲוָה** דָאס אִיז דִי זַאךְ פוּן 'גַּאֲוָה', אַז מֶען הַאלְט זִיךְ 'מֶער' פוּן אַנְדֶערֶע, **עֲבוֹדָה זָרָה** דָאס אִיז דִי עֲבֵירָה פוּן 'עֲבוֹדָה זָרָה', ווייל דֶער 'בַּעַל גַּאֲוָה' שֵׁיידְט זִיךְ אָפּ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, און אַז מֶען שֵׁיידְט זִיךְ אָפּ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס אִיז עֲבוֹדָה זָרָה, אַ רַאיָ' הָאסְטוּ אַז 'וְאֵלֶּה' וָואס אִיז 'מוֹסִיף עַל הָרִאשׁוֹנִים' וָואס אִיז 'מֶער' – הָאט מִיט 'גַּאֲוָה', **כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב** אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (דְּבָרִים ז, ז): **'לֹא מֵרֻבְּכֶם'** נִישְׁט וֶועגְן עֶנְקֶער מֶערְהֵייט פוּן אַלֶע פֶעלְקֶער, **'חָשַׁק ה''** הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעגְלוּסְט אִין עֶנְק, **שֶׁפֵּרוּשׁוֹ גַּאֲוָה** און רַשִׁ"י זָאגְט דָארְט (דִּבּוּר הַמַּתְחִיל לֹא מֵרֻבְּכֶם): 'שֶׁאֵין אַתֶּם מַגְדִּילִים עַצְמְכֶם' עֶטְץ הַאלְטְס עֶנְק נִישְׁט גְרוֹיס, 'כְּשֶׁאֲנִי מַשְׁפִּיעַ לָכֶם טוֹבָה' וֶוען אִיךְ טוּ עֶנְק גוּטְס; זֶעט מֶען אַז דִי וָוארְט 'מֵרֻבְּכֶם' מֵיינְט גַּדְלוּת און גַּאֲוָה, (און 'וְאֵלֶּה' אִיז 'מוֹסִיף', און 'מוֹסִיף' אִיז 'רִבּוּי', און 'רִבּוּי' אִיז 'גַּאֲוָה').

**וְזֶה בְּחִינַת** און דֶער בַּעַל גַּאֲוָה וָואס הַאלְט זִיךְ מֶער פוּן אַנְדֶערֶע, און הַאלְט זִיךְ גְרֶעסֶער פוּנֶעם צַדִּיק, בִּיז עֶר קוּמְט צוּ עֲבוֹדָה זָרָה – דָאס אִיז מְרוּמָז אִין דִי וֶוערְטֶער וָואס דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן: **'מוֹסִיף עַל הָרִאשׁוֹנִים'** [לֵייגְט צוּ אוֹיף דִי עֶרְשְׁטֶע], **שֶׁהוּא בְּחִינַת** וָואס דִי וָוארְט 'רִאשׁוֹנִים' אִיז מְרַמֵּז אוֹיף **הָמָן עֲמָלֵק** 'הָמָן' וָואס שְׁטַאמְט פוּן 'עֲמָלֵק', **כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב** וָואס עֶס שְׁטֵייט בַּיי אִים דִי וָוארְט 'רֵאשִׁית', אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (בְּמִדְבָּר כ"ד, כ): **'רֵאשִׁית גּוֹיִם עֲמָלֵק'** [דֶער אָנְהֵייבּ פוּן דִי פֶעלְקֶער אִיז עֲמָלֵק, עֶר אִיז גֶעוֶוען דֶער עֶרְשְׁטֶער צוּ מִלְחָמָה הַאלְטְן מִיט דִי אִידְן], דָאס הֵייסְט אַז דוּרְךְ 'מוֹסִיף' זַיין, זִיךְ הַאלְטְן מֶער פוּן אַנְדֶערֶע מִיט 'גַּאֲוָה' – וֶוערְט גֶערֶעכְנְט כְּאִילוּ מֶען דִינְט עֲבוֹדָה זָרָה, וִוי אוֹיךְ הָמָן דֶער בַּעַל גַּאֲוָה אִיז גֶעוֶוען 'מוֹסִיף', עֶר הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט פַאר אַן עֲבוֹדָה זָרָה, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (מְגִילָּה י:), **וְתִקּוּנוֹ** און דִי וֶועג וִוי אַזוֹי מֶען קֶען וֶוערְן אוֹיס בַּעַל גַּאֲוָה, אִיז דוּרְךְ **הַמִּשְׁפָּטִים** [דִי דִינִים פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה], דָאס מֵיינְט מֶען **בְּחִינַת**

(יְשַׁעְיָהוּ כח): "וּלְרוּחַ מִשְׁפָּט וְכוּ' מְשִׁיבֵי מִלְחָמָה", כִּי עַל־יְדֵי הָרוּחַ נִתְתַּקֵּן הַגַּאֲוָה וְהָעֲבוֹדַת אֱלִילִים כַּנַּ"ל. וְעַל־יְדֵי־זֶה: אֲשֶׁר תָּשִׂים לִפְנֵיהֶם, הַיְנוּ 'הִשְׁווּ אִשָּׁה לְאִישׁ לְכָל דִּינִים שֶׁבַּתּוֹרָה', הַיְנוּ בְּחִינַת הַמְתָּקַת הַדִּינִים, כִּי 'כָּל זְמַן שֶׁיֵּשׁ עֲבוֹדַת אֱלִילִים בָּעוֹלָם, חֲרוֹן־אַף וְדִינִים בָּעוֹלָם'; וְעַל־יְדֵי הָרוּחַ הַנַּ"ל נִתְיַחֵד קֻדְשָׁא־בְּרִיךְ־הוּא וּשְׁכִינְתֵּהּ וְנִמְתָּקִין הַדִּינִים, וְנִסְתַּלֵּק חֲרוֹן־אַף מִן הָעוֹלָם.

וְהִנֵּה, כְּלַל הַדְּבָרִים אֵלּוּ, שֶׁעַל־יְדֵי הַצַּדִּיק, שֶׁהוּא בְּחִינַת הָרוּחַ, אִתְעֲבֵר אֵל אַחֵר,

רוּחַ די הייליגע גייסט פון די צַדִּיקִים וָואס קומט פון די תּוֹרָה, אַזוֹי ווי חִזְקִיָּהוּ הַמֶּלֶךְ דער צַדִּיק וָואס הָאט צעשטערט די עֲבוֹדָה זָרָה'ס, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב אַזוֹי ווי עס שטייט אין פָּסוּק וָואס רעדט פון חִזְקִיָּהוּ הַמֶּלֶךְ (יְשַׁעְיָהוּ כח, ו): 'וּלְרוּחַ מִשְׁפָּט' און צו אַ גייסט פון מִשְׁפָּט'ן ריכטיג וְכוּ', 'לַיּוֹשֵׁב עַל הַמִּשְׁפָּט' פַאר דעם וָואס זיצט צו מִשְׁפְּט'ן, 'וְלִגְבוּרָה מְשִׁיבֵי מִלְחָמָה שָׁעְרָה', און צו אַ שטַארקקייט פַאר די וָואס פירן די מִלְחָמָה פון די תּוֹרָה, [די וָואס זענען זיך מְפַלְפֵּל בַּיים לערנען - פַאר די וועט דער אייבערשטער זיין אַ שטַארקקייט], און פון די וָוארט 'וּלְרוּחַ מִשְׁפָּט' פון אָנְהֵייבּ פָּסוּק זעט מען אַז 'מִשְׁפָּטִים' הָאט שַׁיְיכוּת און איז מְרַמֵּז אויף דעם 'רוּחַ', כִּי עַל יְדֵי הָרוּחַ ווייל דורכן צַדִּיק וָואס בַּיי אים איז דָא די רוּחַ חַיִּים - נִתְתַּקֵּן הַגַּאֲוָה ווערט פַארראכטן די גַּאֲוָה וְהָעֲבוֹדַת אֱלִילִים און די עֲבוֹדָה זָרָה, כַּנַּ"ל אַזוֹי ווי אויבן אויסגעשמועסט.

**וְעַל** יְדֵי זֶה און דערפַאר זָאגט די תּוֹרָה פַאר מֹשֶׁה רַבֵּינוּ 'אֲשֶׁר תָּשִׂים לִפְנֵיהֶם [וָואס דו זָאלסט לייגן פַאר זיי] הַיְנוּ דו מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, דער צַדִּיק הָאֱמֶת, 'הִשְׁווּ אִשָּׁה לְאִישׁ' הָאסט די כֹּחַ צאמצוברענגען די 'אייבערשטער' מיט אידישע קינדער וָואס הָאבן די הייליגע נְשָׁמָה, די 'שְׁכִינָה'; דו קענסט אַריינברענגען אינעם מענטש דעם אייבערשטן 'לְכָל דִּינִים שֶׁבַּתּוֹרָה' און אַוועק נעמען פון אים די דִּינִים, הַיְנוּ בְּחִינַת הַמְתָּקַת הַדִּינִים אים זיס מַאכן דָאס לעבן, אים ווייזן אַז אַלעס וָואס עס גייט אַריבער אויף אים איז נָאר גוּטס, כִּי ווייל אויב מען לעבט נישט מיטן אייבערשטן, 'כָּל זְמַן שֶׁיֵּשׁ עֲבוֹדַת אֱלִילִים בָּעוֹלָם' מען איז אַ בַּעַל גַּאֲוָה, מען שטוּפּט אַוועק דעם אייבערשטן, מען דינט עֲבוֹדָה זָרָה, מען דינט זיך, 'חֲרוֹן אַף וְדִינִים בָּעוֹלָם' איז דָא אַ צָארן אויף די וועלט און עס איז דָא דִּינִים, וְעַל יְדֵי הָרוּחַ און דורך די גייסט פונעם צַדִּיק, הַנַּ"ל וָואס מען רעדט פריער - נִתְיַחֵד קֻדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא וּשְׁכִינְתֵּהּ ווערט דער מענטש איינס מיטן אייבערשטן, וְנִמְתָּקִין הַדִּינִים אַלעס ווערט זיס, וְנִסְתַּלֵּק חֲרוֹן אַף מִן הָעוֹלָם און עס גייט אַוועק די גרימצָארן פון די וועלט.

וְהִנֵּה, כְּלַל הַדְּבָרִים אֵלּוּ וָואס עס קומט אַרויס פון די גאנצע תּוֹרָה איז, שֶׁעַל יְדֵי הַצַּדִּיק אַז דורך דעם צַדִּיק שֶׁהוּא בְּחִינַת הָרוּחַ וָואס בַּיי אים איז דָא דער רוּחַ חַיִּים, אַ גייסט צו לעבן, אִתְעֲבֵר אֵל אַחֵר ווערט

כְּפִירוּת, וְעַל־יְדֵי הָרוּחַ בָּאִים רִקּוּדִין וְהַמְחָאַת כַּף, כִּי עַל־יְדֵי הַצַּדִּיק שֶׁהוּא בְּחִינַת הָרוּחַ נִתְעַלּוּ הָרַגְלַיִן, וְנִתְגַּלָּה הֶאָרַת הַיָּדַיִם, וְנִתְרַבָּה הָאֱמוּנָה, כַּמְבֹאָר לְמַעְלָה. וְעַל כֵּן כְּתִיב בְּיוֹסֵף, שֶׁהוּא בְּחִינַת הַצַּדִּיק (בְּרֵאשִׁית מ"א): "וּבִלְעָדֶיךָ לֹא יָרִים אִישׁ אֶת יָדוֹ וְאֶת רַגְלוֹ", כִּי בִּלְעֲדֵי בְּחִינַת יוֹסֵף, שֶׁהוּא בְּחִינַת הַצַּדִּיק, אִי אֶפְשָׁר לְהַעֲלוֹת וּלְהָרִים הַיָּדַיִם וְהָרַגְלַיִם כַּנַּ"ל.

וְהִנֵּה, מִכְּלַל הַדְּבָרִים אַתָּה שׁוֹמֵעַ, שֶׁנִּגְלֶה הוּא בְּחִינַת יָדַיִם, וְנִסְתָּר הוּא בְּחִינַת רַגְלַיִן, בְּחִינַת מָרְדֳּכַי וְאֶסְתֵּר; וְאַף שֶׁנִּסְתָּר הוּא לְמַעְלָה מִנִּגְלֶה, עִם כָּל זֶה הִתְגַּלּוּת הַנִּגְלֶה הוּא בְּמָקוֹם גָּבוֹהַּ, דְּהַיְנוּ הַיָּדַיִם, וְהַנִּסְתָּר — בָּרַגְלַיִן, שֶׁהִיא

אַוועק גענומען די עֲבוֹדָה זָרָה, כְּפִירוּת די כְּפִירוּת, וְעַל יְדֵי הָרוּחַ און דורךְ דער צַדִּיק וָואס בְּלָאזְט אַריין אַ לֶעבֶּעדִיגֶע גֵייסְט אִינֶעם מֶענְטְשׁ בָּאִים רִקּוּדִין וְהַמְחָאַת כַּף ווערְט דֶער מֶענְטְשׁ אַזוֹי פְרֵיילִיךְ אַז עֶר הֵייבְּט אָן פַּאטְשְׁן און טַאנְצְן, כִּי עַל יְדֵי הַצַּדִּיק שֶׁהוּא בְּחִינַת הָרוּחַ נִתְעַלּוּ הָרַגְלַיִן וַוייל דוּרְכְן צַדִּיק וֶוערְט אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן דִי פִּיס, וְנִתְגַּלָּה הֶאָרַת הַיָּדַיִם און עֶס גֵייט אַרַיין אַ שַׁיין אִין דִי הֶענְט, וְנִתְרַבָּה הָאֱמוּנָה און מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ הָאבְּן אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה כַּמְבֹאָר לְמַעְלָה אַזוֹי וִוי אוֹיבְּן אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט (אוֹת ו), וְעַל כֵּן כְּתִיב בְּיוֹסֵף דֶערִיבֶּער שְׁטֵייט בַּיי יוֹסֵף, שֶׁהוּא בְּחִינַת הַצַּדִּיק וָואס עֶר אִיז דָאךְ דֶער צַדִּיק, יוֹסֵף הַצַּדִּיק, (בְּרֵאשִׁית מ"א, מד): 'וּבִלְעָדֶיךָ לֹא יָרִים אִישׁ אֶת יָדוֹ וְאֶת רַגְלוֹ' אָן דִיר וֶועט קֵיינֶער נִישְׁט טָארְן אוֹיפְהֵייבְּן זַיין הֶענְט און זַיין פִּיס, כִּי בִּלְעֲדֵי בְּחִינַת יוֹסֵף וַוייל אָן יוֹסֵף, שֶׁהוּא בְּחִינַת הַצַּדִּיק וִוילַאנְג דֶער מֶענְטְשׁ אִיז נִישְׁט מְקוּרָב צוּם צַדִּיק - אִי אֶפְשָׁר לְהַעֲלוֹת וּלְהָרִים הַיָּדַיִם וְהָרַגְלַיִם אִיז עֶר אִין אַ דֶעפְּרֶעסְיֶע און עֶר קֶען נִישְׁט רִירְן זַיינֶע הֶענְט און פִּיס, דָאס מֵיינְט מֶען אַז עֶר קֶען נִישְׁט טַאנְצְן און פַּאטְשְׁן, כַּנַּ"ל אַזוֹי וִוי אוֹיבְן אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט.

וְהִנֵּה, מִכְּלַל הַדְּבָרִים אַתָּה שׁוֹמֵעַ פוּן דֶעם אַלֶעס קֶענְסְטוּ פַאְרשְׁטֵיין שֶׁנִּגְלֶה הוּא בְּחִינַת יָדַיִם אַז דִי חֵלֶק תּוֹרָה וָואס אִיז נִגְלֶה - דָאס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן הֶענְט, וְנִסְתָּר הוּא בְּחִינַת רַגְלַיִן און דִי חֵלֶק תּוֹרָה וָואס אִיז נִסְתָּר - דָאס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן פִּיס בְּחִינַת מָרְדְּכַי וְאֶסְתֵּר און דָאס אִיז דִי הֵיילִיגְקֵייט פוּן מָרְדְּכַי און אֶסְתֵּר, מָרְדְּכַי אִיז נִגְלֶה און אֶסְתֵּר אִיז בַּאהַאלְטְן, וְאַף שֶׁנִּסְתָּר הוּא לְמַעְלָה מִנִּגְלֶה און אֲפִילוּ דִי חֵלֶק פוּן סוֹדוֹת הַתּוֹרָה אִיז בֶּאֱמֶת הֶעכֶער און הֵיילִיגֶער פוּן נִגְלוֹת הַתּוֹרָה, וָואלְט דָאךְ גֶעדַארְפְט זַיין פַּארְקֶערְט, עֶס וָואלְט גֶעדַארְפְט זַיין דִי חֵלֶק נִסְתָּר בַּיי דִי הֶענְט וָואס אִיז הֶעכֶער פוּן דִי פִּיס? עִם כָּל זֶה פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן זֶעט מֶען הִתְגַּלּוּת הַנִּגְלֶה אַז דִי חֵלֶק נִגְלוֹת הַתּוֹרָה הוּא בְּמָקוֹם גָּבוֹהַּ אִיז בַּיי אַ הֶעכֶערֶע פְּלַאץ, דְּהַיְנוּ הַיָּדַיִם בַּיי דִי הֶענְט, וְהַנִּסְתָּר בָּרַגְלַיִן און דִי חֵלֶק נִסְתָּר אִיז בַּיי דִי פִּיס שֶׁהִיא

לְמַטָּה מִיָּדַיִם וָואס אִיז נִידְרִיגֶער פוּן דִי הֶענְט; וְהָעִנְיָן עֹמֶק דִי זַאךְ אִיז אַ טִיפֶע זַאךְ, עֶס אִיז דָא אִין דֶעם גְרוֹיסֶע סוֹדוֹת, אַךְ הוּא עִנְיָן שֶׁכָּתוּב בַּזֹּהַר דָאס גֶעפִינֶען מִיר אִין זוֹהַר (פְּקוּדֵי דַף רנח.), תַּנָּאִים בַּשּׁוֹקַיִן דִי תַּנָּאִים זֶענֶען אַנְטְקֶעגְן דִי פִיס, וְאָמוֹרָאִים בַּיָּדַיִן אוּן דִי אֲמוֹרָאִים זֶענֶען אַנְטְקֶעגְן דִי חֵלֶק הֶענְט, וְאַף שֶׁהַתַּנָּאִים לְמַעְלָה מֵאָמוֹרָאִים אוּן אֲפִילוּ דִי תַּנָּאִים זֶענֶען הֶעכֶער פוּן דִי אֲמוֹרָאִים, זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען עֶרְשְׁט אוּן הֶעכֶער - מִכָּל מָקוֹם הֵם בְּמָקוֹם שֶׁהוּא לְמַטָּה מִמְּקוֹם הָאָמוֹרָאִים דָאךְ זֶענֶען זֵיי אוֹיף אַ מֶער נִידְרִיגֶערֶע פְּלַאץ פוּן דִי אֲמוֹרָאִים, וְכֵן נְבִיאִים וּכְתוּבִים אוּן אַזוֹי אוֹיךְ נְבִיאִים אוּן כְּתוּבִים, דִי נְבִיאִים זֶענֶען הֶעכֶער פוּן דִי כְּתוּבִים, נְבוּאָה אִיז הֶעכֶער פוּן רוּחַ הַקּוֹדֶשׁ, דָאךְ זֶענֶען זֵיי נִידְרִיגֶער בַּיי דִי סְפִירוֹת פוּן כְּתוּבִים, וּכְבָר מְבֹאָר עַל זֶה תֵּרוּץ אוּן עֶס אִיז דָא אוֹיף דֶעם תֵּירוּצִים.

(מוֹהַרנַ"ת זָאגְט, עוֹד רְאֵה זֶה מָצָאתִי מִכְּתַב יַד רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, בְּעַצְמוֹ מֵעִנְיַן הַתּוֹרָה הַנַּ"ל נָאךְ אַ שְׁטִיקְל תּוֹרָה הָאבּ אִיךְ גֶעפוּנֶען פוּן וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעשְׁרִיבְּן אוֹיף דִי תּוֹרָה, וְזֶהוּ אוּן דָאס אִיז עֶס:)

**לְמַטָּה מִיָּדַיִם. וְהָעִנְיָן עֹמֶק, אַךְ הוּא עִנְיָן שֶׁכָּתוּב בַּזֹּהַר, תַּנָּאִים בַּשּׁוֹקַיִן וְאָמוֹרָאִים בַּיָּדַיִן. וְאַף שֶׁהַתַּנָּאִים לְמַעְלָה מֵאָמוֹרָאִים, מִכָּל מָקוֹם הֵם בְּמָקוֹם שֶׁהוּא לְמַטָּה מִמְּקוֹם הָאָמוֹרָאִים, וְכֵן נְבִיאִים וּכְתוּבִים, וּכְבָר מְבֹאָר עַל זֶה תֵּרוּץ:**

(עוֹד רְאֵה זֶה מָצָאתִי מִכְּתַב־יַד רַבֵּנוּ, זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, בְּעַצְמוֹ מֵעִנְיַן הַתּוֹרָה הַנַּ"ל, וְזֶהוּ:)

**וְאֵלֶּה הַמִּשְׁפָּטִים אֲשֶׁר תָּשִׂים וְכוּ'. גֵּאוּת — מוּדַעַת זֹאת בְּכָל הָאָרֶץ שֶׁהִיא מִדָּה מְגֻנָּה וְצָרִיךְ לִבְרֹחַ מִמֶּנָּה, אֲבָל יֵשׁ בְּנֵי־אָדָם שֶׁרוֹדְפִים אַחַר כָּבוֹד וְרוֹצִים לִמְלֹךְ וּלְהַנְהִיג אֶת הָעוֹלָם, וְאוֹמְרִים שֶׁיֵּשׁ לְאֵל יָדָם לַעֲשׂוֹת פִּדְיוֹנוֹת**

**וְאֵלֶּה הַמִּשְׁפָּטִים אֲשֶׁר תָּשִׂים וְכוּ'** [אוּן דָאס זֶענֶען דִי דִינִים וָואס דוּ זָאלְסְט לֵייגְן פַאר דִי אִידְן]. עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (יְשַׁעְיָה יב, ה): 'זַמְּרוּ ה'' זִינְגְט מִיט לוֹיבּ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, 'כִּי גֵאוּת עָשָׂה' וַוייל גְרוֹיסֶע זַאכְן הָאט עֶר גֶעטוּן, 'מוּדַעַת זֹאת בְּכָל הָאָרֶץ' עֶס אִיז בַּאוואוּסְט דִי גְרוֹיסֶע זַאכְן אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, טַייטְשְׁט דֶער רֶבִּי מֶער טִיפֶער, גֵּאוּת דָאס אִיז גַּאֲוָה, מוּדַעַת זֹאת בְּכָל הָאָרֶץ עֶס אִיז בַּאוואוּסְט פַאר דִי וֶועלְט שֶׁהִיא מִדָּה מְגֻנָּה אַז דָאס אִיז אַ שְׁלֶעכְטֶע מִדָּה, וְצָרִיךְ לִבְרֹחַ מִמֶּנָּה אוּן מֶען דַארְף אַנְטְלוֹיפְן פוּן אִיר, מֶען דַארְף גֶעבְּן דִי גַאנְצֶע כָּבוֹד אוּן גַּאֲוָה נָאר פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז דָאס שֵׁיין אָבֶּער בַּיי מֶענְטְשְׁן אִיז דָאס אַן עֶקְלְדִיגֶע מִדָּה, אֲבָל יֵשׁ בְּנֵי אָדָם אָבֶּער עֶס אִיז דָא מֶענְטְשְׁן שֶׁרוֹדְפִים אַחַר כָּבוֹד וָואס לוֹיפְן נָאךְ דִי כָּבוֹד, וְרוֹצִים לִמְלֹךְ וּלְהַנְהִיג אֶת הָעוֹלָם אוּן זֵיי ווילְן פִירְן אוּן קֶענִיגְן אוֹיף דִי וֶועלְט, וְאוֹמְרִים אוּן זֵיי זָאגְן שֶׁיֵּשׁ לְאֵל יָדָם אַז זֵיי הָאבְּן דִי כֹּחַ לַעֲשׂוֹת פִּדְיוֹנוֹת צוּ מַאכְן פִּדְיוֹנוֹת, מֶען זָאל זֵיי גֶעבְּן גֶעלְט

וּלְהִתְפַּלֵּל תְּפִלּוֹת; וַעֲלֵיהֶם נֶאֱמַר: "הָשֵׁב אֵשֶׁת הָאִישׁ כִּי נָבִיא הוּא וְיִתְפַּלֵּל בַּעַדְךָ וֶחְיֵה". כִּי זֶה יָדוּעַ שֶׁהַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־הוּא [חָסֵר, וְכָךְ צָרִיךְ לוֹמַר: שֶׁהַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־הוּא מִתְאַוֶּה לִתְפִלָּתָן שֶׁל צַדִּיקִים, וְצָרִיךְ לֵילֵךְ אֶצְלָם שֶׁיִּתְפַּלְּלוּ עָלָיו] עֲלֵיהֶם. אֲבָל בַּעֲלֵי־גַּאֲוָה אֵין הוֹלְכִים אֶל צַדִּיקִים לְבַקְּשָׁם שֶׁיִּתְפַּלְּלוּ עֲלֵיהֶם, וְגַם אֵין מַנִּיחִים שְׁאָר בְּנֵי־אָדָם שֶׁיֵּלְכוּ אֵצֶל צַדִּיקִים שֶׁיִּתְפַּלְּלוּ עֲלֵיהֶם, כִּי אָמְרוּ אֵלּוּ בַּעֲלֵי־גַּאֲוָה, שֶׁגַּם הֵם צַדִּיקִים וִיכוֹלִים לְהִתְפַּלֵּל, וְאֵין צַדִּיק בָּאָרֶץ יוֹתֵר מֵהֶם. וּבָזֶה הֵם נִקְרָאִים בְּשֵׁם אֲבִימֶלֶךְ — אֲבִי לְשׁוֹן רָצוֹן, כְּמוֹ "וְלֹא אָבָה ה' אֱלֹקֶיךָ" וְכוּ':

און זיי וועלן אַראָפּנעמען די דינים פון עם מענטש, וּלְהִתְפַּלֵּל תְּפִלּוֹת און זיי וועלן דאַווענען פאַרן מענטש, וַעֲלֵיהֶם נֶאֱמַר און אויף זיי שטייט אין פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית כ, ז), דער אייבערשטער זאָגט פאַרן בַּעַל גַּאֲוָה, וואָס זאָגט מען דאַרף נישט גיין צו צַדִּיקִים, 'הָשֵׁב אֵשֶׁת הָאִישׁ כִּי נָבִיא הוּא וְיִתְפַּלֵּל בַּעַדְךָ וֶחְיֵה' 'הָשֵׁב' געב צוריק, די זאַך פון תְּפִלָּה וואָס ווערט אָנגערופן 'אֵשֶׁת הָאִישׁ', פאַר אַבְרָהָם אָבִינוּ, פאַרן צַדִּיק 'כִּי נָבִיא הוּא', ווייל ביי אים איז שְׁגוּרָה תְּפִלָּתוֹ בְּפִיו, כִּי זֶה יָדוּעַ ווייל דאָס איז באַוואוסט [שֶׁהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מִתְאַוֶּה לִתְפִלָּתָן שֶׁל צַדִּיקִים אַז דער אייבערשטער גלוסט צו הערן די תְּפִלּוֹת פון די צַדִּיקִים (חֻלִּין ס:) וְצָרִיךְ לֵילֵךְ אֶצְלָם און דערפאַר דאַרף מען גיין צו זיי, שֶׁיִּתְפַּלְּלוּ עָלָיו (בָּבָא בַּתְרָא קטז.)] אַז זיי זאָלן דאַווענען פאַר אים, און אַזוֹי ערפילט מען דעם אייבערשטנ'ס גלוסטעניש, אֲבָל בַּעֲלֵי גַּאֲוָה אֵין הוֹלְכִים אֶל צַדִּיקִים לְבַקְּשָׁם שֶׁיִּתְפַּלְּלוּ עֲלֵיהֶם אָבער די בַּעֲלֵי גַּאֲוָה גייען נישט צום צַדִּיק צו בעטן דעם צַדִּיק זאָל בעטן פאַר זיי, וְגַם אֵין מַנִּיחִים שְׁאָר בְּנֵי אָדָם שֶׁיֵּלְכוּ אֵצֶל צַדִּיקִים שֶׁיִּתְפַּלְּלוּ עֲלֵיהֶם און אויך לאָזן זיי נישט אַנדערע מענטשן זאָלן גיין צום צַדִּיק ער זאָל דאַווענען פאַר אים, כִּי אָמְרוּ אֵלּוּ בַּעֲלֵי גַּאֲוָה ווייל די בַּעֲלֵי גַּאֲוָה זאָגן, שֶׁגַּם הֵם צַדִּיקִים וִיכוֹלִים לְהִתְפַּלֵּל אַז זיי זענען אויך צַדִּיקִים וואָס קענען דאַווענען, וְאֵין צַדִּיק בָּאָרֶץ יוֹתֵר מֵהֶם זיי זאָגן אַז זיי זענען די גרעסטע און די בעסטע, און עס איז נישטאָ אויף די וועלט קיין גרעסערער צַדִּיק פון זיי, וּבָזֶה הֵם נִקְרָאִים און דערפאַר ווערן זיי אָנגערופן בְּשֵׁם אֲבִימֶלֶךְ מיטן נאָמען אֲבִימֶלֶךְ, אֲבִי לְשׁוֹן רָצוֹן 'אֲבִי' מיינט ווילן, כְּמוֹ אַזוֹי ווי עס שטייט אין פָּסוּק (דְּבָרִים כג, ו): 'וְלֹא אָבָה ה' אֱלֹקֶיךָ' און דער אייבערשטער האָט נישט געוואָלט וְכוּ', אַזוֹי ווי אויבן אויסגעשמועסט.

# מהדורת פריעדמאן

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**יוסף הכהן פריעדמאן הי"ו**

**וזוגתו חיה שיינדל**

**וילדיהם**

**אסתר, אהרן, רבקה, מרים, פייגא,**
**נחמן שמעון, דוד, מנחם.**

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות לבו לטובה, ויתברך מפי עליון בבני חיי ומזוני רוויחא, וזכות רבינו ז"ל ותלמידיו הקדושים יגן וימליץ בעדו תמיד,

אמן כן יהי רצון.